STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08018

YIDISHE KINDER

S. Yefroikin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן יעפרויקין   יודל מארק

ייִדישע קינדער

לייענבוך פֿאַרן צווייטן לערניאָר

צווייטע אויפֿלאַגע, 1956

אַרויסגעגעבן פֿון
בילדונגס־אָפּטיילונג פֿון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק, 1955

S. EFRON (Yefroikin) YUDEL MARK

YIDDISHE KINDER

(JEWISH CHILDREN)

Copyright 1955
by the
Educational Dept.
of the
Workmen's Circle

Second Edition, 1956

אילוסטראַציעס פון: לאה פּאָרט, הערשל דאַנילעוויטש,
שוירלי קנאָרינג און אַנדערע.

ערשטע אויסגאַבע — געדרוקט אין 5,000 עקזעמפּליאַרן

Printed in U. S. A.

געזעצט און געדרוקט אין גרעניטש פּרינטינג אינק.

יידישע קינדער
גוטע
קינדער

צום נײַעם לערניאָר



עס איז שוין דער זומער,
דער הייסער אַוועק.
עס זײַנען געבליבן
נאָך עטלעכע טעג.

איז נעמט, קינדער, גיכער
די ביכער אַרויס,
די העפֿטן, די בלײַערס —
דער זומער איז אויס!

געשפּילט זיך, געלאָפֿן,
געאַרבעט, גערוט. —
איצט לאָמיר זיך לערנען,
לערנען זיך גוט.



אַרעלע קען אַלץ

אַרעלע לערנט זיך אין אַ ייִדישער שול. ער ווייס שוין אַז ווען מע קומט אַרײַן אין דער פֿרי, זאָגט מען: „גוט מאָרגן".

ער ווייס אויך אַז ווען מע קומט אַרײַן אין אָוונט, זאָגט מען: „גוטן אָוונט".

ער געדענקט אויך זייער גוט אַז ווען עס איז שבת, זאָגט מען: „גוט שבת".

ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט, אַז ווען עס איז יום־טובֿ, זאָגט מען: „גוט יום־טובֿ!"

אַרעלע איז געגאַנגען צו גאַסט צום זיידן. קומט ער אַרײַן צום זיידן און וויל אים ווײַזן וואָס ער קען. זאָגט ער מיט איין מאָל און גאָר גיך:

„גוט מאָרגן, גוטן אָוונט, גוט שבת און גוט יום־טובֿ!"

דער זיידע האָט געלאַכט.

שבת	יום־טובֿ	אויסגעלערנט

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייַס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען —
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.

דאָס איז די בעסטע סחורה.
יאַנקעלע וועט לערנען תּורה!
תּורה וועט ער לערנען,
בריוולעך וועט ער שרייַבן,
אַ גוטער ייִד וועט ער פאַרבלייַבן!



ניט צעקריגט זיך

אַמאָל איז געווען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער—בערעלע און פריידעלע. זיי האָבן אַלע מאָל געלעבט בשלום און קיין מאָל זיך ניט געקריגט. איין מאָל זאָגט בערעלע צו פריידעלען:

— „פריידעלע! איך האָב געהערט, אַז עס זייַנען פאַראַן קינדער וואָס קריגן זיך. לאָמיר זיך אויך אַ ביסעלע צעקריגן".

— „איך ווייס אָבער ניט ווי מע טוט דאָס", — האָט פריידעלע געענטפערט.

— „וועל איך דיך אויסלערנען", — האָט בערעלע געזאָגט. — „איך וועל נעמען דאָס מעסערל וואָס דער פֿאָטער האָט אונדז ביידן געשענקט און וועל זאָגן: 'דאָס מעסערל איז מײַנס'. זאָלסטו זאָגן: 'ניין! דאָס מעסערל איז גאָר מײַנס!' און אַזוי וועלן מיר זיך אָנהייבן צו קריגן".

בערעלע האָט גענומען דאָס מעסערל און האָט אויסגעשריִען: — „זאָלסט וויסן אַז דאָס מעסערל איז מײַנס!"

פֿריידעלע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט געענטפֿערט: — „אויב עס איז דײַנס — נעם עס".

און אַזוי האָבן זיך דער ברודער און די שוועסטער נית געקאָנט צעקריגן.

צעקריגן זיך	לעבן בשלום



לשנה טוֹבה תּכּתבֿו

לשנה טובֿה תּכּתבֿו,
אַלע, אַלע וואו איר זײַט!
לשנה טובֿה תּכּתבֿו,
סײַ פֿון נאָענט, סײַ פֿון ווײַט!

לשנה טובֿה

לשנה טובֿה, פֿאָטער,
לשנה טובֿה, מוטער,
איך וועל זיך זייער מיִען
צו זײַן אַ זון אַ גוטער.

לשנה טובֿה, באָבע,
לשנה טובֿה, זיידע,
איך וועל זיך זייער מיִען
פֿאַרשאַפֿן פֿרייד אײַך ביידן.

אַ גוט יאָר!

— ליבע טאַטע־מאַמע,
נאַט אײַך אַ מתּנה:
אַ שיין לשנה־טובֿהלע,
אַ װאונטש צו ראָש־השנה.

אַ גוט יאָר װינטשן מיר,
אַ גליקלעך און צופֿרידן,
אײַך און יעדן גוטן פֿרײַנד,
און אַלע, אַלע ייִדן!

ייִדן

איינס און צוויי, און דרײַ און פֿיר.
וואָס מיר זײַנען — זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר!
איינס און צוויי, און דרײַ און פֿיר.

פֿינף און זעקס, און זיבן, אַכט,
ניט געזאָרגט און נאָר געלאַכט!
שטענדיק פֿריילעך, נאָר געלאַכט —
פֿינף און זעקס, און זיבן, אַכט.

נײַן און צען, און עלף, און צוועלף,
ייִד, דעם ייִדן שטענדיק העלף!
טו אים גוטס, דײַן ברודער העלף!
נײַן און צען, און עלף, און צוועלף.

גוטע מענטשן

אַמאָל זײַנען צוויי מענטשן געקומען צו אַ ריכטער און איינער האָט געזאָגט: — „איך האָב געקויפֿט בײַ דעם מענטשן אַן אַלט הויז. ווען איך האָב גענומען פֿאַרריכטן דאָס הויז, האָב איך דאָרטן געפֿונען אַ סך געלד. וויל איך דעם מענטשן אָפּגעבן דאָס געלד, וויל ער נישט נעמען.”

און דער צווייטער האָט געזאָגט: — „איך האָב פֿאַרקויפֿט דאָס הויז און אַלץ וואָס איז אין הויז. איך האָב טאַקע נישט געוווּסט אַז דאָרטן איז באַהאַלטן געלד. אָבער פֿאַרקויפֿט איז פֿאַרקויפֿט. דערפֿאַר וויל איך נישט נעמען דאָס געלד וואָס יענער האָט געפֿונען.”

האָט דער ריכטער געזאָגט: „אַ סך מענטשן זײַנען שוין געקומען צו מיר, אָבער קיינער איז ניט געקומען מיט אַזעלכע רייד ווי איך בײדע. איר זײַט בײדע גוטע מענטשן.” האָסטו אַ זון?” — האָט ער געפֿרעגט איינעם. — „יאָ!” — „האָסטו אַ טאָכטער?” — האָט ער געפֿרעגט דעם צווייטן. — „יאָ.”

— „זעט אַז דער זון און די טאָכטער זאָלן חתונה האָבן און גיט זיי אַוועק דאָס געלד”, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

דער ריכטער	אַ סך	חתונה האָבן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. האָט דער מענטש וואָס האָט געקויפֿט דאָס הויז געוואָלט אָפּגעבן דאָס געלד?
2. פֿאַרוואָס האָט דער מענטש וואָס האָט פֿאַרקויפֿט דאָס הויז ניט געוואָלט נעמען דאָס געלד?
3. איז דער ריכטער געווען אַ קלוגער?



איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע

איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע,
דאָס קענט איר זען אַליין.
אָבער ייִדיש, זעט איר,
קען איך ניט פֿאַרשטיין.

שיקט מען מיך אין שול —
אַהין גיי איך גערן,
ווײַל אין שול ייִדיש
לערן איך און לערן.

יעדן טאָג אַ טראָפּעלע,
יעדן טאָג אַ ביסל,
און נאָך אַ ביסל, —
און נאָך אַ ביסל —
ווערט אַ פֿולע שיסל.

פֿאַר יום־כּיפּור

עס האָט אַמאָל געלעבט אַ גוטער מאַן וואָס האָט געגעבן אַ סך צדקה. ווען עס איז געקומען דער טאָג פֿאַר יום־כּיפּור, האָט דער גוטער מאַן געזאָגט צו זײַן זון:

— „גיי אַרײַן צו אונדזער שכן און לאָז בײַ אים דאָס געלט וואָס איך גיב דיר. היט זיך, מע זאָל ניט זען אַז דו לאָזסט דאָס געלט. לייג עס שטילערהייט אַוועק און גיי אַרויס."

דער זון איז געקומען צוריק צום פֿאָטער מיטן געלט און האָט דערציילט:

— „פֿאָטער, איך האָב בײַם שכן דאָס געלט ניט געלאָזן. ווען איך בין אַרײַן צום שכן, האָב איך געזען אויפֿן טיש גוטע שפּײַזן."

— „אויב אַזוי", — האָט דער גוטער מאַן געזאָגט — „דאַרף מען אים שיקן נאָך מער געלט. אונדזער שכן איז אַמאָל געווען רײַך, ער איז געוואוינט צו לעבן רײַך. אָבער איך ווייס אַז ער איז געוואָרן אָרעם. אָט האָסטו געלט, מער ווי פֿריִער. טראָג עס אַלץ אַרײַן. היט זיך, ער זאָל ניט זען אַז דו ברענגסט דאָס געלט. געדענק: הײַנט איז דער טאָג פֿאַר יום־כּיפּור, דער טאָג פֿאַר צדקה. מע מוז געבן וויפֿל דער צווייטער דאַרף, מער וויפֿל מע קען אַליין. געדענק עס דײַן גאַנץ לעבן!"

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער פֿאָטער געזאָגט דעם זון?
2. וואָס האָט דער זון געזען בײַם שכן?
3. פֿאַרוואָס האָט דער גוטער מאַן געזאָגט אַז מע דאַרף געבן דעם שכן מער ווי פֿריִער?
4. האָט ער ריכטיק געטאָן?
5. וואָס האָט דער פֿאָטער אָנגעזאָגט דעם זון וועגן צדקה?

איך פֿאַסט

עטעלע הערט אַז גרויסע מענטשן פֿאַסטן יום־כּיפּור. האָט עטעלע געזאָגט צו איר עלטערער שוועסטער:

— „איך וועל אויך פֿאַסטן יום־כּיפּור. דו וועסט זען.“

איר עלטערע שוועסטער האָט אָבער געזאָגט:

— „גיי שוין, גיי! דו ביסט נאָר זיבן יאָר אַלט. דו קענסט נאָך ניט פֿאַסטן.“

— „איך וועל פֿאַסטן, איך וועל פֿאַסטן!“ — האָט עטעלע געזאָגט.

עס איז געקומען יום־כּיפּור. דעם גאַנצן אָונט האָט עטעלע געפֿאַסט. פֿאַרן שלאָפֿן האָט זי קיין מילך נישט געטרונקען. דערנאָך האָט זי געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. האָט זי אַ גאַנצע נאַכט געפֿאַסט. אין דער פֿרי זאָגט איר די עלטערע שוועסטער:

— „עטעלע, גיי עפּעס עסן.“

— „איך עס ניט הײַנט, איך פֿאַסט“, — האָט עטעלע געענטפֿערט.

עס זײַנען אַוועק נאָך אַ פּאָר שעה און עטעלע האָט נאָך אַלץ געפֿאַסט. זי איז אַרומגעלאָפֿן און איז געוואָרן זייער הונגעריק. זי איז געקומען צו דער עלטערער שוועסטער און געבעטן:

— „גיב מיר עפּעס עסן, איך בין זייער הונגעריק.“

— „אָבער דו פֿאַסט דאָך הײַנט“, — האָט די עלטערע שוועסטער געזאָגט.

— „יאָ, איך פֿאַסט הײַנט,“ — האָט עטעלע געזאָגט, — „אָבער איך וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען פֿון פֿאַסטן.“

און עטעלע האָט געגעסן. דערנאָך איז זי אַרויס זיך שפּילן מיט די קינדער און זי האָט זיי געזאָגט:

— „איר ווייסט? איך פֿאַסט איצט ווידער!“

אַ סוכּהלע



אַ סוכּהלע אַ קליינינקע,
אַ סוכּהלע אַ שיינינקע
האָב איך מיר געמאַכט,
האָב איך מיר געמאַכט.

איך האָב מיט מײַנע הענטעלעך
אויסגעפּוצט די ווענטעלעך,
און געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסל סכך.

איך האָב מיט מײַנע הענטעלעך
אויסגעפּוצט די ווענטעלעך,
אַלץ אַליין געמאַכט,
אַלץ אַליין געמאַכט.

סוכּה	אויסגעפּוצט	סכך



איך העלף בויען אַ סוכּה

מיר וואוינען אין פלאַטבוש, אין ברוקלין. מיר וואוינען אין אַן אייגן הויז. הינטער דעם הויז איז דאָ אַ גרויסער הויף.

אַ פּאָר טעג פאַר סוכּות נעמט דער זיידע בויען אויפן הויף אַ סוכּה. איך העלף דעם זיידן אַרויסטראָגן די ברעטער וואָס זײַנען דאָ בײַ אונדז אין קעלער. איך העלף אים; איך דערלאַנג אים די זעג; איך דערלאַנג אים דעם האַמער און די טשוועקעס. דער זיידע אַרבעט און איך העלף אים די גאַנצע צײַט. דער זיידע איז שוין ניט קיין יונגער און ער אַרבעט זייער פּאַמעלעך. ער דאַרף זיך אָפּרוען פון צײַט צו צײַט.

די סוכּה איז שוין פאַרטיק. מיר פּוצן זי אויס פון אינעווייניק. עס איז אַ גרויסע פרייד צו זען ווי שיין עס איז אונדזער סוכּה!

ווען מיר זײַנען אַלע געזעסן און האָבן געגעסן אין סוכּה, זאָגט דער זיידע:

— „משהלע האָט מיר די גאַנצע צײַט געהאָלפן. ווען ניט משהלע, וואָלטן מיר קיין סוכּה ניט געהאַט.״

איך בין זייער צופרידן מיט דעם זיידנס ווערטער. אַלע ליבן מיך און איך זיץ און שווײַג.

סוכּה	סוכּות	משהלע

פ ר אַ ג ע ס:

1. ווי הייסט דער יינגל וואָס העלפט בויען די סוכּה?
2. ווי בויט משהלעס זיידע די סוכּה?
3. וואָס טוט משהלע?
4. וואָס טוען משהלע און דער זיידע, ווען די סוכּה איז שוין פאַרטיק?
5. וואָס זאָגט דער זיידע ווען אַלע זיצן אין סוכּה?
6. וואָס ענטפערט משהלע?

אַ סוכּות־ליד

אַ סוכּהלע זיך אויפֿגעשטעלט,
פֿיר ווענט, אַ טיר, אַ דאַך,
און צוגעדעקט דאָס סוכּהלע
מיט פֿרישן גרינעם סכך.

די ווענט באַפּוצט מיט טעפּעכער,
פֿענצטער — קליינע צוויי;
אויף פֿאָדעם הענגען ווײַנטרויבן
און פֿרוכטן אַלערליי.

טיש און בענקלעך אויפֿגעשטעלט,
אַלץ מיט ווײַס פֿאַרשפּרייט;
חלה — פֿריש געבאַקענע
האָט מאַמע צוגעגרייט.

די מאַמע, אין איר זײַדן קלייד
און מיט אַ גוט געזיכט,
דעקט פֿרום די ליבע אויגן צו
און בענטשט די יום־טובֿ־ליכט.

סוכּות	סוכּה	סכך	חלה	יום־טובֿ

שׂמחת־תּורה

שׂמחת־תּורה
אַ גרויסע פֿרייד,
אַ שיינע תּורה
מיט קלוגע רייד.

וואויל איז דעם
וואָס לערנט תּורה,
זי איז דאָך
די בעסטע סחורה.

תּורה איז ליכט,
און ליכט איז לעבן.
העכער, קינדער, הייבט די פֿאָן,
זאָל זי אייביק שוועבן.



ניט איך! ניט איך!

דער לערער האָט דערציילט די מעשׂה פֿון חומש ווי גאָט האָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד. אַלע קינדער האָבן זיך צוגעהערט, אָבער לייבעלע האָט ניט געוואָלט זיך צוהערן. ער האָט געשטערט.

— „לערער, מע שטופּט מיך, מע שטופּט מיך! מען לאָזט מיך ניט זיך צוהערן,״ — האָט איין קינד געזאָגט.

— „ווער טוט עס?״ — האָט דער לערער געפֿרעגט.

— „ניט איך! ניט איך!״ — האָט לייבעלע אויסגערופֿן.

— „לערער, מע שטעכט מיך מיט אַ בלײַער און מע לאָזט מיך ניט זיך צוהערן,״ — האָט אַן אַנדער קינד געזאָגט.

— ווער טוט עס?״ — האָט דער לערער ווידער געפֿרעגט.

— „ניט איך! ניט איך!״ — האָט לייבעלע אויסגערופֿן.

דערנאָך האָט דער לערער געפֿרעגט: „ווער האָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד?״

— „ניט איך! ניט איך!״ — האָט לייבעלע ווידער אויסגערופֿן.

די קינדער האָבן זיך צעלאַכט.

מעשׂה	חומש	האָט באַשאַפֿן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער לערער דערציילט?
2. ווער האָט געשטערט די קינדער זיך צוהערן?
3. וואָס האָט לייבעלע די גאַנצע צײַט אויסגערופֿן?
4. פֿאַרוואָס האָבן די קינדער זיך צעלאַכט?

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד.
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג —
דאָרט איז אונדזער לאַנד.

רויטע קאַרשן רײַסן מיר,
גרינע לאָזן מיר שטיין;
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גיין.



דער פֿוקס און די פֿיש

אַמאָל איז אַ פֿוקס געגאַנגען לעבן אַ טײַך. זעט ער ווי די פֿיש שווימען אַרום אין וואַסער. זיי שווימען אַהין און אַהער, אָבער זיי רוען קיין מאָל נישט. זיי לויפֿן!

— „וואָס לויפֿט איר אַזוי?" — פֿרעגט דער פֿוקס. האָבן די פֿיש געענטפֿערט: „מיר שווימען אַרום אַהין און אַהער, מיר לויפֿן אַרום, די נעצן זאָלן אונדז ניט כאַפּן. אויב מיר וועלן זײַן די גאַנצע צײַט אויף איין אָרט, וועלן די נעצן אונדז קענען לײַכט כאַפּן."

זאָגט צו זיי דער פֿוקס: „קומט אַרויס פֿון וואַסער, קומט צו מיר, — וועט איר ניט דאַרפֿן מורא האָבן פֿאַר די נעצן."

ענטפֿערן אים די פֿיש: „מע זאָגט אַז דו ביסט דער קליגסטער צווישן די חיות, אָבער דו ביסט דער גרעסטער נאַר. אויב מיר האָבן מורא אין וואַסער, וואָס דאָס איז אונדזער לעבן, וועלן מיר דאָך געוויס שטאַרבן אויף דער ערד!"

אַהין און אַהער	מורא האָבן	חיה — חיות

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער פֿוקס געזען אין טײַך?
2. וואָס האָט דער פֿוקס געפֿרעגט די פֿיש?
3. וואָס האָבן די פֿיש דערציילט וועגן די נעצן?
4. וואָס האָט דער פֿוקס געזאָגט?
5. וואָס האָבן די פֿיש געענטפֿערט דעם פֿוקס?

פֿאַרן שפּיגל

אַמאָל איז אַ קליין מיידעלע געשטאַנען פֿאַר אַ שפּיגל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. האָט די מאַמע געפֿרעגט: — „פֿאַר־וואָס שטייסטו פֿאַרן שפּיגל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן?" — האָט דאָס מיידעלע געענטפֿערט: — „איך ווייס שוין ווי איך זע אויס ווען איך בין אויף. איך וויל אָבער זען ווי איך זע אויס ווען איך שלאָף."

די וועווערקע און דער וואָלף

אַ וועווערקע איז געשפּרונגען איבער צווייַגן פון אַ בוים. זי איז אַראָפּגעפּאַלן אויף אַ וואָלף וואָס איז געלעגן און געשלאָפן. דער וואָלף האָט זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט אויפעסן די וועווערקע. האָט זי גענומען זיך בעטן:

— „לאָז מיך אָפּ!"

זאָגט דער וואָלף צו איר:

— „גוט, איך וועל דיך אָפּלאָזן. נאָר זאָג מיר, פאַרוואָס זײַט איר, וועווערקעס, אַזוי פריילעך? מיר איז שטענדיק אַזוי אומעטיק, און איר, וועווערקעס, שפּילט זיך שטענדיק!"

ענטפערט אים די וועווערקע:

— „לאָז מיך אָפּ, וועל איך דיר זאָגן."

דער וואָלף האָט אָפּגעלאָזט די וועווערקע. זי איז אַרויף אויפן בוים און פון דאָרטן געזאָגט צום וואָלף:

— „דיר איז אומעטיק, ווײַל דו ביסט אַ בייזער און אַ שלעכטער. אונדז איז פריילעך, ווײַל מיר זײַנען גוטע און טוען קיינעם קיין בייז נישט."

איז אַראָפּגעפּאַלן	זיך אויפגעכאַפּט	אָפּלאָזן

פ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס זײַנען די וועווערקעס פריילעך?
2. פאַרוואָס איז דער וואָלף אַן אומעטיקער?
3. וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ וועווערקע וואָס איז געשפּרונגען איבער צווייַגן פון אַ בוים?
4. וואָס האָט דער וואָלף געוואָלט טאָן?
5. וואָס האָט דער וואָלף געפרעגט בײַ דער וועווערקע?
6. מיינסטו אַז דער ענטפער פון דער וועווערקע איז געווען אַ ריכטיקער?

דאָס שיפֿעלע

ברעטלעך קויף איך מיר פֿאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען.
מאַך איך מיר אַ שיפֿעלע
צו פֿאָרן איבער ימען.

לאָז איך זיך אין וועג אַרײַן,
אין וועג אַרײַן אין ווײַטן.
שפרייט איך מיר אַ זעגל אויס,
אַ לאַנגען און אַ ברייטן.

שפרייט איך מיר אַ זעגל אויס,
בלאָזט אַ ווינט אַ לינדער,
ווינט, דו ווינט, מײַן שיפֿל טראָג,
טראָג עס נאָר געשווינדער!

ים	דער זעגל	געשווינד





קאָלומבוס און ייִדן

— „לאָמיר זיך אומקערן!" — האָבן געשריִען די מאַטראָסטן אויף קאָלומבוסעס שיפֿן,—„מיר פֿאָרן און מיר פֿאָרן און מיר זעען נאָר ים! מיר וועלן צו לאַנד קיין מאָל נישט קומען. לאָמיר זיך אומקערן!"

אָבער קאָלומבוס האָט ניט געוואָלט זיך אומקערן. ער האָט געגלייבט אַז מע וועט קומען מיטן ים קיין אינדיע.

די מאַטראָסן האָבן יעדן טאָג געשריִען העכער: „לאָמיר זיך אומקערן!"

אויף די דריַי שיפֿן זיַינען געווען ייִדן. זיי האָבן נישט אויסגעזאָגט אַז זיי זיַינען ייִדן. אויב זיי וואָלטן אויסגעזאָגט אַז זיי זיַינען ייִדן, וואָלט מען זיי נישט געלאָזט פֿאָרן אויף די שיפֿן.

ייִדן האָבן געזוכט אַ נײַ לאַנד, וואו זיי זאָלן קענען לעבן פֿריַי. האָבן זיי געוואָלט אַז קאָלומבוס זאָל פֿאָרן אַלץ וויַיטער און וויַיטער.

אָט די ייִדן האָבן זיך געבעטן בײַ די מאַטראָסן:

— „וואַרט נאָך אַ פּאָר טעג! וואַרט נאָך דריַי טעג!"

— „גוט, נאָך דריַי טעג וועלן מיר וואַרטן" — האָבן די מאַטראָסן געזאָגט.

עס איז אַוועק אַ טאָג, און קיין לאַנד האָט מען נאָך נישט געזען. עס איז אַוועק נאָך אַ טאָג, און מען האָט נאָך אַלץ נישט געזען קיין לאַנד.

אויפֿן דריטן טאָג האָט איינער דערזען לאַנד. — „איך זע לאַנד!" — האָט ער אויסגערופֿן.

די מאַטראָסן האָבן זיך זייער דערפֿרייט. און נאָך מער האָבן זיך געפֿרייט קאָלומבוס און די ייִדן. קאָלומבוס האָט געמיינט אַז ער האָט געפֿונען דעם נײַעם וועג קיין אינדיע. די ייִדן האָבן געהאָפֿט אַז עס וועט זיַין אַ נײַ לאַנד, וואו ייִדן וועלן קענען לעבן פֿריַי.

קיין נײַעם וועג קיין אינדיע האָט קאָלומבוס ניט געפֿונען.

ער האָט אָבער געפֿונען אַ נײַ לאַנד, אַ זייער גרויס לאַנד. און ייִדן האָבן דאָרט געקענט לעבן פֿרײַ.

זיך אומקערן	האָט געגלייבט	ים

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט קאָלומבוס געוואָלט געפֿינען?
2. וואָס האָבן די ייִדן אויף קאָלומבוסעס שיפֿן געוואָלט געפֿינען?
3. פֿאַרוואָס האָבן זיי ניט אויסגעזאָגט אַז זיי זײַנען ייִדן?
4. וואָס האָבן די מאַטראָסן געוואָלט?
5. האָט מען געפֿונען אַ נײַ לאַנד וואו ייִדן קענען לעבן פֿרײַ?



דאָס קלוגע מיידעלע

איין מאָל איז געקומען אַ פֿרעמדער קיין ירושלים. זעט ער: אַ מיידעלע טראָגט עפּעס און דער טעלער איז צוגעדעקט. האָט דער פֿרעמדער אָפּגעשטעלט דאָס ייִדישע מיידעלע און האָט געפֿרעגט: „מיידעלע, וואָס טראָגסטו אין טעלער?"

האָט דאָס מיידעלע געענטפֿערט: — „איך טראָג וואָס די מוטער מײַנע האָט מיר געגעבן צו טראָגן."

— „אָבער וואָס איז דאָס, מיידעלע?"

האָט דאָס מיידעלע געענטפֿערט: — „אויב די מוטער וואָלט געוואָלט אַז אַלע זאָלן וויסן וואָס עס איז אין טעלער, וואָלט זי נישט געהייסן עס צודעקן."

דער פֿרעמדער האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— „קלוגע מיידעלעך וואַקסן אין ירושלים."

אַן אָוונט אין דער היים

דערציי֗ל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

אָוונטבּרויט

איין מאָל אין אָוונט גיט די מאַמע יאַנקעלען בּרויט מיט פּוטער.

זאָגט יאַנקעלע:

— „איך וויל ניט קיין בּרויט מיט פּוטער, איך וויל אָוונטבּרויט!”

גיט אים די מאַמע אַן איי.

זאָגט יאַנקעלע:

— „איך וויל ניט קיין איי, גיב מיר אָוונטבּרויט!”

גיט אים די מאַמע אַ גלאָז מילך.

זאָגט יאַנקעלע:

— „איך וויל ניט קיין מילך!”

האָט אים די מאַמע געגעבן עפּל, באַרנעס, פּלוימען.

נאָר יאַנקעלע שרייַט אַלץ אין איין קול:

— „איך וויל דאָס ניט! דאָס וויל איך ניט!”

— „וואָס זשע ווילסטו?” — פרעגט די מאַמע — „אפשר דאָס טעלערל פון הימל?”

— „ניין”, — ענטפערט יאַנקעלע.

— „איך וויל אָוונטבּרויט!”

אפשר	קול



באָבע, דערצייל מיר אַ מעשה!

— „באָבע, דערצייל מיר אַ מעשה!"

— „גוט, מײַן אייניקל, איך וועל דיר דערציילן: אַמאָל איז געווען אַ קליין פֿייגעלע. האָט עס געהאַט שיינע רויטע שיכעלעך . . ."

— „באָבע, ווי קען עס זײַן? האָט דען אַ פֿייגעלע שי־כעלעך?"

— „ביסט גערעכט, מײַן אייניקל. איך וועל אָנהייבן פֿון דאָס נײַ: אַמאָל איז געווען אַ פֿייגעלע, האָט עס געטראָגן אַ שיין, בלוי קליידעלע . . ."

— „באָבע, טראָגט דען אַ פֿייגעלע אַ קליידעלע?"

— „ביסט גערעכט, מײַן אייניקל. איך וועל אָנהייבן פֿון דאָס נײַ: אַמאָל איז געווען אַ פֿייגעלע, האָט עס געהאַט שיינע ווײַסע ציינדעלעך . . ."

— „באָבע, האָסטו אַמאָל געזען בײַ אַ פֿייגעלע ציינ־דעלעך ?"

— „ביסט גערעכט, מײַן איי ניקל. איך וועל אָנהייבן נאָך אַ מאָל פֿון דאָס נײַ: אַמאָל איז געווען אַ פֿייגעלע, האָט עס געהאַלטן אין איין ריידן און ריידן . . ."

— „באָבע, אַ פֿייגעלע זינגט, אָבער אַ פֿייגעלע רעדט דאָך נישט."

— „ביסט ניט גערעכט, מײַן אייניקל, איך האָב אַ פֿייגעלע מיט רויטע שיכעלעך, מיט אַ בלוי קליידעלע און מיט ווײַסע ציינדעלעך, און זי לאָזט ניט דערציילן אַ מעשׂה."

— „גערעכט, באָבע, גערעכט! איך הײם דאָך פֿייגעלע!"

אַמאָל איז געווען	מעשׂה	דאָס אייניקל

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָט די באָבע אָנגעהויבן די מעשׂה ?
2. וואָס האָט דער באָבעס פֿייגעלע געהאַט ?
3. וועגן וואָסער פֿייגעלע האָט די באָבע דערציילט ?

באָבעניו

— זינג אונדז עפּעס באָבעניו,
זינג אונדז עפּעס, קרוין!
— איך האָב אײַך אַלע לידעלעך
אויסגעזונגען שוין!

— ניין, ניט אַלע, באָבעניו,
טו אונדז נאָר צוליב!
ווען מיר דיך, באָבעניו,
האָבן זייער ליב!

ליב האָבן	טו מיר צוליב

זיידעניו

וואָס איז זיידע אַזוי גרוי?
ווײַל אַ זיידע איז אַזוי!
וואָס שפּאַנט זיידע טריט בײַ טריט?
ווײַל אַ זיידע אײַלט זיך ניט.
זיידע טוט די ברילן אָן,
ווײַל אַ זיידע דאַרף עס טאָן.
זיידע לערנט תּורה פֿיל,
ווײַל אַ זיידע קען און וויל.

זיך אײַלן	ברילן	תּורה

געווען פֿאַרנומען

די מאַמע איז אַרײַן אין שטוב.
זעט זי: בײַ דער קאַץ צום עק איז צוגעבונדן דער קאָכ־לעפֿל.

— „מאַטעלע" — פֿרעגט די מאַמע, — „ווער האָט דאָס געטאָן? דו?"

— „ניין, ניט איך, מאַמע", — ענטפֿערט מאַטעלע, — „לייבעלע האָט עס געטאָן."

— „פֿאַרוואָס האָסטו דאָס אים געלאָזט?"

— „איך בין געווען פֿאַרנומען."

— „וואָס האָסטו געטאָן?"

— „איך האָב צוגעהאַלטן די קאַץ, זי זאָל ניט אַנט־לויפֿן."

אַ ייִדיש מיידעלע

איך בין אַ ייִדיש מיידעלע,
דאַרף איך ייִדיש ריידן
ווי מײַן טאַטע־מאַמע רעדט
מיט מײַן באָבע־זיידן.

ייִדיש שרײַבן, ייִדיש לייענען
און אויף ייִדיש שפּילן;
ייִדיש לאַכן, ייִדיש וויינען,
און אויף ייִדיש פֿילן.

לאָמיר אַלע, קינדערלעך,
אין דער שול איצט גיין;
וועלן מיר דאָרטן לערנען,
ייִדיש צו פֿאַרשטיין.

ייִדיש שרײַבן, ייִדיש לייענען,
און אויף ייִדיש שפּילן;
ייִדיש לאַכן, ייִדיש וויינען,
און אויף ייִדיש פֿילן.



פּערעלע מיט די באַלאָנעז

פּערעלע איז געגאַנגען מיט דער מאַמען און זיי האָבן געזען — אַ מאַן פֿאַרקױפֿט גרױסע פֿאַרביקע באַלאָנעז.

— „קױף מיר אָט דעם רױטן באַלאָן," — האָט פּערעלע געבעטן בײַ דער מאַמען.

די מאַמע האָט געקױפֿט פּערעלען דעם רױטן באַלאָן.

— „מאַמע, קױף מיר אױך דעם גרינעם באַלאָן," — האָט פּערעלע זיך געבעטן.

די מאַמע האָט געקױפֿט פּערעלען אױך דעם גרינעם באַלאָן.

— „מאַמע, קױף מיר דעם גרױסן געלן באַלאָן," — האָט פּערעלע װידער געבעטן.

— „אָבער דו האָסט דאָך שױן צװײ באַלאָנעז," — האָט די מאַמע געזאָגט.

און פּערעלע האָט װידער גערעדט:—„מיר געפֿעלן ניט דער רױטער באַלאָן און ניט דער גרינער באַלאָן, מיר געפֿעלט נאָר דער געלער. קױף מיר, מאַמע!"

די מאַמע האָט געקױפֿט פּערעלען אױך דעם געלן באַלאָן. האָט פּערעלע גענומען װײנען:

— „מאַמע, איך װיל דעם בלױען באַלאָן! מאַמע, איך װיל דעם ברױנעם באַלאָן!"

די מאַמע האָט ניט געװאָלט אַז פּערעלע זאָל װײנען. האָט די מאַמע איר געקױפֿט אַלע באַלאָנעז.

דערװײַל איז אָנגעקומען אַ װינט און פּערעלען איז געװען שװער צו האַלטן אַלע באַלאָנעז. זי האָט גענומען שרײַען: „מאַמע, מאַמע! דער װינט טראָגט מיך אַװעק!"

— „לאָז אָפּ די באַלאָנעז! לאָז אָפּ די באַלאָנעז, װעט דער װינט דיך ניט קענען אַװעקטראָגן," — האָט די מאַמע געזאָגט.

פּערעלע האָט אין שרעק אָפּגעלאָזן אַלע באַלאָנעז און

מיט פֿאַרווײנטע אויגן געקוקט ווי זײ טראָגן זיך הויך אין דער לופֿט. זי האָט גענומען דער מאַמעס האַנט און ווײַ־טער שטיל געגאַנגען מיט איר שפּאַצירן. זי האָט פֿאַרשטאַ־נען אַז זי האָט געוואָלט צו פֿיל.

מיר געפּעלט	אַוועקטראָגן	אָפּגעלאָזן	שפּאַצירן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט פערעלע געזען?
2. וואָסערע באַלאָנען האָט די מאַמע געקויפֿט פערעלען?
3. פֿאַרוואָס איז פערעלען געוואָרן שווער צו האַלטן די באַלאָנען?
4. וואָס איז געוואָרן מיט פערעלעס באַלאָנען?
5. וואָס האָט פערעלע פֿאַרשטאַנען?

אַ וויגליד

אײַ־ליו, האַלט אײַן דײַן צינגעלע,
גענוג שוין שרײַען דיר!
דו שלאָפֿסט נישט מער, מײַן ייִנגעלע,
נו, שאַ, נו קום צו מיר.
איך וועל זינגען דיר אַ לידעלע,
וועסט וואַקסן מיט דעם ליד.
וועסט אויסוואַקסן, קליין ייִדעלע,
אַ גרויסער, שיינער ייִד!



אין דער פֿרי



דערצייל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

איצט און שפּעטער



— „זע, ווי צעפּלאָמט דו ביסט!
וואָס איז מיט דיר געשען?"
— „גאָרניט, מאַמע, איך בין איצט
בײַ מאָטעלען געווען.

מיר האָבן גאָרנישט ניט געטאָן —
געשפּילט אין פֿערדלעך בלויז;
נעמט זײַן מאַמע און זי טרײַבט
מיך גאָר אַרויס פֿון הויז!"

— „זאָלסט, מײַן קינד, ניט גיין אַהין,
זי איז געווען גערעכט:
האָסט געטומלט און געשטיפּט,
געוועזן ווילד און שלעכט".

— „אָבער איצט וועל איך זײַן שטיל,
איך וויל דאָרט ווידער גיין;
ס'איז מיר אומעטיק,
איך קען ניט שפּילן זיך אַליין".

— „רו זיך אויס, וועסט שפּעטער גיין,
דו ביסט אַזוי צעהיצט" . . .
— „כ'וויל שוין גיין צו מאָטעלען,
עס איז שוין שפּעטער איצט . . ."

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט מאָטעלעס מאַמע אַרויסגעטריבן דעם ייִנגל פֿון הויז?
2. פֿאַרוואָס מיינט ער אַז איצט קען ער שוין ווידער גיין צו מאָטעלען?

וואו זשע בין איך?

דער קליינער שימעלע איז געווען אַ יִינגל אַ צעטראָ־גענער. ער פלעגט אַלץ פאַרגעסן. יעדן פרימאָרגן, בײַם אויפשטיין פון שלאָף, האָט ער געדאַרפט זוכן זײַנע קליי־דער, ווײַל ער האָט ניט געדענקט, וואו ער האָט זיי אַוועק־געלייגט. האָט זיי אים די מאַמע געפונען.

אַז ער האָט זיך שוין אָנגעטאָן די קליידער און די שיך, האָט ער אָנגעהויבן זוכן די ביכער און די העפטן, זוכן און זוכן און ניט געפינען.

— „אוי, וויי!" — פלעגט שימעלע שרײַען — „ווער האָט פאַרשלעפט מײַנע ביכער און העפטן?"

— „אָ, דו!" — איז אים אָפט געקומען צו הילף די שוועסטער — „דו האָסט דאָך אַליין אַוועקגעלייגט די ביכער און העפטן אויפן פענצטער אין עסצימער."

דערווײַל האָט שימעלע פאַרשפעטיקט אין שול און דער לערער איז געווען אין כּעס.

— „וואָס טו איך, אַז איך זאָל מער ניט פאַרשפעטיקן?" — האָט שימעלע געטראַכט און געטראַכט, ביז אים איז עפּעס אײַנגעפאַלן.

אַז ער האָט בײַנאַכט זיך געלייגט שלאָפן אין בעט האָט ער גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט דערויף פאַרשריבן: „מײַנע קליידער זײַנען אויפן שטול, די שיך — אונטערן שטול, מײַן העפט איז אין בוך, דאָס בוך איז אין טעקע, מײַן טעקע — אונטערן טיש, דער טיש — אין עסצימער און איך אַליין בין אין בעט."

דאָס צעטעלע האָט ער אַוועקגעלייגט בײַ זיך צוקאָפּנס.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער גלײַך אַראָפּ־געשפּרונגען פון בעט, האָט גענומען דאָס צעטל און גע־לייענט מיט פרייד:

„מײַנע קלײדער זײַנען אויפֿן שטול" — זײ זײַנען דאָ. „מײַנע שיך — אונטערן שטול" — זײ זײַנען אויך דאָ. „מײַן העפֿט איז אין בוך" — גוט! „מײַן בוך איז אין טעקע" — ס'קאָן זײַן. „מײַן טעקע — אונטערן טיש" — ס'איז דאָ! „דער טיש איז אין עסצימער" — ס'איז דאָ! „און איך אַלײן בין . . . אין בעט"?

שימעלע קוקט און קוקט אין בעט — עס איז לײדיק! טאַפּט ער דאָס בעט, נעמט אַראָפּ די קאָלדרע, הײבט אויף דאָס קישן — ער איז אַלץ ניטאָ.

— „גוואַלד, גוואַלד!" — שרײַט שימעלע אויס אַ צעטראָגענער — „וואו זשע בין איך אַלײן?"

אַ צעטראָגענער	פֿאַרשלעפּט	זיך אויפֿגעכאַפּט

פֿראַגעס:

1. וואו איז שימעלע געווען, ווען ער האָט זיך געזוכט?
2. פֿאַרוואָס פֿלעגט ער פֿאַרשפּעטיקן אין שול?
3. וואָס האָט ער געטאָן, ער זאָל אַלץ גלײַך געפֿינען?
4. וואָס הײסט עס זײַן אַ צעטראָגענער?



אַליין — אָן דער לערערין

אַז מיר זײַנען געקומען אין שול, האָבן מיר דערזען אַז אויפֿן טאָוול אין אונדזער קלאַס איז אָנגעשריבן אַזוי:

„קינדער! מײַן מוטער איז קראַנק, — וועל איך קומען שפּעטער. איך בעט די קינדער זיצן רויִק, שטיל — און שרײַבן פֿון ביכל. אײַער לערערין.״

אַלע קינדער האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער לערערין.

די קינדער האָבן אַרויסגענומען די ביכלעך און די העפֿטן — און שטיל איבערגעשריבן.

קיינער האָט ניט געטומלט, קיינער האָט ניט געשטערט.

דערנאָך זאָגט פֿריידעלע, די עלטסטע שילערין בײַ אונדז אין קלאַס:

— „לאָמיר זיך צונויפֿלייגן מיט געלט, וועלן מיר גיין און קויפֿן בלומען פֿאַר דער לערערין.״

האָבן אַלע קינדער געגעבן געלט — יעדערער וויפֿל ער האָט געהאַט.

איז אַוועקגעגאַנגען פֿריידעלע מיט נאָך אַ מיידל אין אַ בלומען־געשעפֿט און זיי האָבן געקויפֿט פֿאַר דעם גאַנצן געלט בלומען.

דער גאַנצער קלאַס האָט זיך געפֿרייט.

מיר האָבן אַרײַנגעשטעלט די בלומען אין אַ קריגעלע מיט וואַסער און אַוועקגעשטעלט בײַ דער לערערין אויפֿן טישל.

מיר האָבן אָנגעשריבן אַ צעטעלע און אַוועקגעלייגט צווישן די בלומען.

אין צעטעלע האָבן מיר אָנגעשריבן: „מיר האָבן גע־פֿאָלגט די לערערין, מיר האָבן די לערערין זייער ליב.״

אָנגעשריבן	רחמנות	אַרײַנגעשטעלט

אַוועקגעשטעלט	אַוועקגעלייגט

פ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס זײַנען די קינדער געזעסן שטיל ווען די לערערין איז ניט געווען?
2. ווי האָבן די קינדער געוויזן אַז זיי האָבן ליב די לערערין?
3. פאַרוואָס איז די לערערין געקומען שפּעט?

די פֿוילע טאָכטער

די מאַמע וועקט אין דער פֿרי איר טאָכטער:

— „טעכטערל, טעכטערל, שטיי אויף! דער האָן האָט שוין געקרייט!"

— „זאָל ער קרייען, דער האָן," — ענטפֿערט די טאָכ־טער, — „אַ האָן האָט אַ קליין קעפּל, שלאָפֿט ער זיך גיך אויס."

אין אַ ווײַלע אַרום וועקט די מאַמע ווידער די טאָכטער:

— „טאָכטער, די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען, שטיי אויף!"

— „די זון מוז זיך אײַלן, זי דאַרף אין איין טאָג דורכ־פֿאָרן אַ לאַנגן וועג", — האָט געענטפֿערט די טאָכטער און איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן.

— „אָבער, טעכטערל, די קאַשע איז שוין פֿאַרטיק!"

גיך איז די טאָכטער אַראָפּ פֿון בעט: — „מאַמע, וואו איז דער גרויסער לעפֿל?"

אויפֿשטיין	אויפֿגעשטאַנען	אויפֿגיין	אײַנשלאָפֿן

אויפֿגעגאַנגען

דאַס טאָגבוך פון אַ פוילן ייִנגל

מאָנטיק. היינט בין איך ניט געגאַנגען אין שול. די ציין האָבן מיר וויי געטאָן.

דינסטיק. פאַרשפּעטיקט. די מאַמע איז געווען קראַנק.

דאָנערשטיק. דער קאָפּ האָט מיר וויי געטאָן.



פרייטיק. ניט געמאַכט די היים-אַרבעט. איך האָב געדאַרפט אַכטונג געבן אויף מיין קליינעם ברודערל.

דערצייל וואָס דער ייִנגל האָט געטאָן.

דער אוצר

אַמאָל איז געקומען אַן אַלטער מאַן אין אַ שטעטל און האָט דערציילט:

— „לעבן אײַער שטעטל איז דאָ אַ גרויסער אוצר. ווען איר אַלע וועט לעבן צווישן זיך בשלום, וועט איר דעם אוצר געפֿינען."

דער אַלטער איז אַוועק און די מענטשן פֿון שטעטל האָבן געזאָגט איינער צום צווייטן:

— „מיר וועלן זײַן גוט איינע צו די אַנדערע, מיר וועלן לעבן בשלום, מיר וועלן זיך ניט קריגן און מיר וועלן דעם אוצר געפֿינען."

— „דער אוצר איז געווים אויפֿן שפּיץ באַרג. לאָמיר אַרויף אויפֿן באַרג און דאָרטן גראָבן און זוכן דעם אוצר!" — אַזוי האָבן געזאָגט אַ טייל מענטשן.

— „דער אוצר איז געווים אויף יענער זײַט טײַך!" — האָבן אַנדערע געשריִען, — „לאָמיר אַריבער דעם טײַך און גראָבן און זוכן דאָרטן דעם אוצר."

אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט: — „דער אוצר איז באַהאַלטן אין שטעטל, אין איינעם פֿון די הויפֿן."

און די מענטשן פֿון שטעטל האָבן אָנגעהויבן זיך צו קריגן. מען האָט געזידלט איינער דעם צווייטן. מען האָט זיך געקריגט. און מען איז שוין אַזוי געוואָרן אין כּעס אַז מען האָט זיך אַפֿילו געשלאָגן.

עס זײַנען אַוועק יאָרן און יאָרן, אָבער די מענטשן פֿון שטעטל האָבן דעם אוצר נאָך אַלץ ניט געפֿונען. זיי קריגן זיך נאָך אַלץ וואו דעם אוצר צו זוכן. דערווײַל זינקט דער אוצר אַלץ טיפֿער אַרײַן אין דער ערד.

אוצר	בשלום	אין כּעס	אַפֿילו

פֿראַגעס:

1. ווער האָט דערציילט די מענטשן פֿון שטעטל וועגן דעם אוצר?
2. ווען וועלן די מענטשן פֿון שטעטל קענען געפֿינען דעם אוצר?
3. וואָס האָבן געזאָגט טייל מענטשן?
4. וואָס האָבן אַנדערע געזאָגט?
5. האָבן די מענטשן פֿון שטעטל געפֿונען דעם אוצר?
6. פֿאַרוואָס האָבן די מענטשן פֿון שטעטל ניט געפֿונען דעם אוצר?

פערעלע און מערעלע

פערעלע: — „עס רעגנט דאָך, וואָס עפֿנסטו ניט דײַן שירעם?"

מערעלע: — „עס וועט ניט העלפֿן, מײַן שירעם האָט לעכער."

פערעלע: — „טאָ פֿאַרוואָס האָסטו מיטגענומען אַ שירעם מיט לעכער?"

מערעלע: — „איך האָב דען געוואוסט, אַז עס וועט רעגענען?"

רעטעניש

ס'איז בײַ דיר פֿאַראַן אַ חבֿר,
איז ער זייער אַ טשיקאַווער:
אַט איז ער גרויס, אַט איז ער קליין,
קיין מאָל גייט ער נישט אַליין.
טרעטסט אים שטענדיק מיט די פֿיס.
איצט זאָג מיר ווער דאָס איז?

חבֿר	טשיקאַווער	טרעטן

שטייט אין פעלד אַביימעלע

שטייט אין פעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך.
זיצט דערויף אַ פֿייגעלע
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווײַגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע.
מאַך צו, מײַן קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דײַן קעפּעלע!



צוויי ברידער

אין אַ שטאָט האָט געוואוינט זייער אַ רײַכער ייִד. דער ייִד האָט געהאַט צוויי זין. און דער ייִד האָט ליב געהאַט בלויז דעם עלטערן זון. דעם ייִנגערן האָט דער פֿאָטער ניט ליב געהאַט, ווײַל ער האָט געמיינט אַז ער איז אַ פֿוילער.

איין מאָל זאָגט דער פֿאָטער צו דער מוטער:

— „מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן וועל איך אָפּגעבן דעם עלטסטן זון, דעם ייִנגערן וועל איך גאָרנישט געבן, ווײַל ער איז אַ פֿוילער."

אַ גאַנצן טאָג איז די מוטער געזעסן און געוויינט, ווײַל זי האָט דעם ייִנגערן זון אויך ליב געהאַט. דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַנגען צום רבֿ פֿרעגן אַן עצה, וואָס זאָל זי טאָן מיטן ייִנגערן זון, אַז ער זאָל נישט וויסן פֿון קיין נויט.

דער רבֿ האָט געגעבן אַזאַ עצה:

— „גיי אַהיים און דערצייל דײַן ייִנגערן זון, וואָס דער פֿאָטער האָט געזאָגט. וועסטו זען אַז אים וועט אויך גאָר־נישט פֿעלן."

די מוטער האָט געפֿאָלגט דעם רבֿ. ווען דער זון האָט דערהערט, אַז ער וועט קיין זאַך ניט קריגן פֿון פֿאָטערס פֿאַרמעגן, האָט ער גענומען פֿלײַסיק זיך לערנען. צו דרײַצן יאָר, ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה, איז ער אַוועק צו אַ בעל־מלאכה און האָט זיך גענומען לערנען אַ פֿאַך. ער האָט געאַרבעט זייער פֿלײַסיק, און ער איז געוואָרן אַ גוטער בעל־מלאכה. און יעדערער האָט אים געגעבן אַרבעט. ער האָט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן און איז געווען גליקלעך.

דער עלטערער זון האָט געוואוסט אַז ער וועט קריגן דעם פֿאָטערס פֿאַרמעגן. ער האָט זיך נישט געלערנט און נישט געאַרבעט. נאָכן פֿאָטערס טויט האָט ער דעם פֿאָ־טערס פֿאַרמעגן אויפֿגעגעסן און איז געבליבן אַן אָרעמאַן.

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס האָט דער פֿאָטער ניט געוואָלט אָפּגעבן אַ טייל פֿון זײַן פֿאַרמעגן דעם ייִנגערן זון?
2. וואָס האָט די מוטער געטאָן?
3. וואָס פֿאַר אַן עצה האָט געגעבן דער רבֿ?
4. וואָס האָט געטאָן דער ייִנגערער זון?
5. וואָס איז געוואָרן מיט דעם עלטערן זון?

רבֿ	עצה	בר־מצווה	בעל־מלאָכה

אַ טאָג אַזאַ

פֿאַרלאָרן די שפּיל
מיט די ייִנגלעך אין גאַס,
געקומען אָן ביכער
צום לערער אין קלאַס.
בײַם לערנען געקרימט זיך
אויף יעדן מיט כּעס,
געקומען אַהיים
פֿאַרבלאָטיקט פֿון גאַס.
און עס שרײַט נאָך די מאַמע:
פֿאַרוואָס ביסטו נאַס?

צום שלאָף

שלום־עליכם,
שלום־עליכם,
האָבן זאָלסטו
אַ זיסן חלום,

אַ גוטן חלום,
אַ גוטע וואָר,
זאָלסטו מיר האָבן
לאַנגע יאָר.

ב ר י װ

א) אַ בריװ דער מאַמען

ברײַנדעלע איז געװאָרן אַ בריװטרעגער. זי האָט אָנגעטאָן דעם ברודערס היטל, גענומען אױפֿן אַקסל זײַן טעקע, איז אַרױס פֿאַר דער טיר און האָט אָנגעקלאַפּט.

— „װער איז?" — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

— „ס'איז איך, דער בריװטרעגער."

— „װאָס װילט איר?"

— „כ'האָב אײַך געבראַכט אַ בריװעלע פֿון אײַער מײדעלע ברײַנדעלע."

די מאַמע עפֿנט די טיר און ברײַנדעלע דערלאַנגט איר אַ שטיקל פּאַפּיר.

— „דאָס איז דאָס בריװעלע?"

— „יאָ."

— „עס איז דאָך גאָרנישט אָנגעשריבן?"

— „איר קענט נישט לײענען. גיט מיר דאָס בריװעלע, װעל איך אײַך זאָגן, װאָס דאָרט שטײט."

— „גוט", — זאָגט די מאַמע, — „לאָמיר טאַקע הערן, װאָס מײַן מײדעלע שרײַבט מיר."

ברײַנדעלע נעמט אין האַנט דאָס פּאַפּירל און זאָגט:

— „הערט, ליבע פֿרױ, אײַער מײדעלע שרײַבט אײַך אַזױ: ליבע מאַמע, איך האָב דיך זײער ליב... און — שױן."

— „דאָס איז דער גאַנצער בריװ?"

— „יאָ."

די מאַמע נעמט דאָס פּאַפּירעלע און טראָגט עס צו דעם טאַטן.

— „זע נאַר", — זאָגט זי, — „איך האָב באַקומען אַ בריוועלע פֿון ברײַנדעלען."

— „וואָס שרײַבט זי ?"

— „זי שרײַבט, אַז זי האָט מיך זייער ליב."

— „אַזוי", — זאָגט דער טאַטע, — „איך בין שוין ברוגז מיט איר."

— „פֿאַרוואָס ?"

— „דיר שרײַבט זי בריוועלעך און מיר נישט."

ב) אַ בריוו דעם טאַטן

ברײַנדעלע הערט וואָס דער טאַטע זאָגט און לויפֿט ווידער אַרויס פֿאַר דער טיר און קלאַפּט אָן.

— „ווער איז ?" — פֿרעגט דער טאַטע.

— „דער בריוונטרעגער, געבראַכט אַ בריוועלע פֿאַר ברײַנדעלעס טאַטן."

דער טאַטע הייבט זיך אויף, גייט צו צו דער טיר און ברײַנדעלע דערלאַנגט אים אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס דער טאַטע דרייט פֿון אַלע זײַטן.

— „דאָס איז דאָס בריוועלע ?"

— „יאָ".

— „עס איז דאָך אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר !"

— „וואָס רעדסט איר, ליבער הער?" — זאָגט ברײַנדעלע, — „איך קען נישט לייענען. גיט מיר דאָס בריוועלע, וועל איך אײַך זאָגן וואָס דאָרט שטייט."

— „גוט, לאָמיר הערן".

ברײַנדעלע נעמט דאָס בריוועלע און הייבט אָן לייענען:

— „ליבער טאַטע, כ'האָב דיך זייער ליב . . ."

— „נו ? . ."

— „דאָס איז דער גאַנצער בריוו."

דער טאַטע נעמט דאָס פּאַפּירל און ווײַזט עס דער מאַמען.

— „איך האָב שוין אויך אַ בריוועלע", — זאָגט ער אַ צופרידענער.

ג) אַ בריוו פון דער מאַמען

אין אַ פּאָר מינוט אַרום טוט ברײַנדעלע אויס דאָס היטל, נעמט אַראָפּ די טעקע פון אַקסל און גייט צו צו דער מאַמען:

— „מאַמע", — זאָגט זי, — „האָסט באַקומען אַ בריוועלע פון דײַן מיידעלע?"

— „יאָ".

— „פאַרוואָס זשע ענטפערסטו נישט?"

— „ס'איז דען אַן אמת בריוועלע?"

— „יאָ".

— „נו, גוט, איך וועל שוין ענטפערן."

די מאַמע נעמט אַ ליידיק פּאַפּירל און דערלאַנגט איר.

— „דאָ האָסטו דעם ענטפער."

— „ס'איז קיין זאַך ניט אָנגעשריבן!"

— „גיי שוין, גיי," — זאָגט די מאַמע, — „דו קענסט נישט לייענען. גיב מיר דאָס בריוועלע, וועל איך דיר איבערלייענען."

ברײַנדעלע דערלאַנגט איר דאָס פּאַפּירעלע און די מאַמע לייענט:

— „מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך פײַנט . . ."

— „איך וויל נישט," — זאָגט ברײַנדעלע, — „לייען אויף אַן אמת."

— „עס שטייט אַזוי אָנגעשריבן."

— „ניין. עס שטייט נישט אַזוי."

— „נו, גוט. מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך ליב."

— „זייער ליב?"
— „זייער ליב."

ד) אַ בריוו פֿון דעם טאַטן

— „ערשט דאַרף דער טאַטע ענטפֿערן," — זאָגט ברײַנדעלע.

דער טאַטע נעמט אַ בלײַער, שרײַבט אָן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און זאָגט:

— „גוט. דאָ האָסטו אַן אמת בריוועלע."

— „לייען מיר איבער", — זאָגט ברײַנדעלע.

— „ניין", — זאָגט דער טאַטע, — „דאָס בריוועלע באַהאַלט, און ווען דו וועסט גיין אין שול און זיך אויסלערנען לייענען, וועסטו מיר זאָגן וואָס דאָרט שטייט, און איך וועל דיר דערפֿאַר קויפֿן אַ שיינע זאַך."

ברײַנדעלע האָט דאָס בריוועלע באַהאַלטן. אַלע טאָג ווען זי שטייט אויף פֿרעגט זי:

— „מאַמע, איך בין שוין גרויס? ווען וועל איך גיין אין שול?"

דער בריווטרעגער	אָנגעשריבן	עס שטייט אין בריוו

אמת	איבערלייענען

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס, מיינט איר, האָט דער טאַטע געשריבן אין זײַן אמת בריוועלע?
2. איז דעם טאַטנס בריוועלע געווען ניצלעך?
3. וואָס פֿאַר אַ שפּאַס האָט די מאַמע געמאַכט?
4. ווי אַזוי האָט ברײַנדעלע זיך אָנגעטאָן ווען זי איז געוואָרן אַ בריווטרעגער?
5. שרײַבט אָן אַ בריוועלע אַ חבֿר אָדער אַ חבֿרטע.
6. שרײַבט אָן אַ בריוועלע דעם זיידן אָדער דער באָבען.

דער בריוו

אַ יינגל האָט אַ מאָל אָנגעשריבן אַזאַ בריוו צו זיינעם אַ פריינד:

„טייערער פריינד! נעכטן בין איך ביי דיר געווען צו גאַסט און האָב ביי דיר פאַרגעסן מיין שירעם. בעט איך דיך, דו זאָלסט אים מיר אָפּשיקן.״

אויף דעם זעלבן בריוו איז געווען צוגעשריבן:

„נאָר וואָס האָב איך זיך געכאַפּט אַז דער שירעם שטייט ביי מיר אין ווינקל. שרייב איך דיר דעריבער אַז דו דאַרפסט אים ניט אָפּשיקן.״

אַ רעטעניש אין גראַמען

איך בין דאָ אין אויג, אין אויער,
אויבן, אונטן — אומעטום.
שטענדיק שטיי איך דאָרט ביים טויער
און איך שוויַיג, ווייל איך בין שטום.

דו ביסט דאָ אין אויג אין אויער,
אויבן, אונטן — אומעטום.
שטענדיק שטייסטו דאָרט ביים טויער
און דו שוויַיגסט, ווייל דו ביסט שטום —

ווייל אַ שטומער אַלף ביסטו
און דעם וואָרט אַן אָנהייב גיסטו!
ביסט אויך דאָ אין איך און אין,
ווי ס׳איז ריכטיק לויטן דין,
ווי עס פּאַסט זיך און ס׳איז גוט —
פאַר אַ וואָוו און פאַר אַ יוד.

פֿאַרוואָס קומט דער ת צום סוף פֿון אַלף־בית?

עס איז געווען זומער. די קינדער זײַנען ניט געגאַנגען אין שול. זייערע ביכער זײַנען געלעגן און קיינער האָט פֿון זיי נישט געלערנט.

האָבן די אותיות פֿון אַלף־בית אויך גענומען וואַקאַציע. זיי זײַנען אַוועק אין פֿעלדער, בײַ טײַכן, אונטער ביימער. זיי האָבן זיך געבאָדן און זיך געשפּילט. ביז דער אַלף האָט זיך דערמאָנט: אָט הייבט מען ווידער אָן לערנען אין שול. די קינדער וועלן דאַרפֿן לערנען און אַלע אותיות זײַנען אַוועק פֿון די ביכער. האָט דער אַלף גענומען רופֿן:

— „בּ, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כּ, כ, ך, ל, מ, ם, נ, ן, ס, ע, פּ, פֿ, ף, צ, ץ, ק, ר, שׁ, שׂ, תּ, ת! קומט צוריק, קומט צוריק!"

און אַלע אותיות האָבן דערהערט ווי דער אַלף רופֿט זיי און זיי זײַנען אויף גיך געקומען צוריק. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די ריכטיקע ערטער אין די אַלע ביכער פֿון די קינדער. אָבער דער ת איז זייער ווײַט אַוועק און האָט ניט געהערט ווי דער אַלף רופֿט. קען זײַן אַז דער ת האָט יאָ געהערט, אָבער ער האָט זיך געפֿוילט אַזוי גיך צו קומען צוריק. עס איז אים געווען זייער גוט ווײַט אין וואַלד אונטער אַ בוים.

אַלע אותיות זײַנען געקומען צוריק און דער אַלף האָט גענומען אויסרופֿן:

— „בּ?" — „איך בין דאָ" — האָט בּ געענטפֿערט.
— „ב?" — „איך בין דאָ" — האָט ב געענטפֿערט.
— „ג?" — „איך בין דאָ" — האָט ג געענטפֿערט.
— „ד?" — „איך בין דאָ" — האָט ד געענטפֿערט.

אַזוי מיט אַלע אותיות. ביז ער איז געקומען צום ת.

— „ת? ת?" — האָט צוויי מאָל גערופֿן דער אַלף. אָבער דער ת איז נישט געווען.

— „וועט זײַן אָן ת" — האָבן געזאָגט דער ר און דער ש.

— „אָבער עס מוזן זײַן אַלע!" — האָבן געשריִען דער מ און דער נ.

מיט אַ מאָל זעען זיי ווי ת קומט און שלעפּט זײַן פּיסל.

— „גיכער קום אַרײַן" — האָט אים געזאָגט דער ת, וואָס זעט אויס אַ ביסל ווי דער ת. די אותיות האָבן אים אַרײַנגענומען, אָבער ווײַל ער איז געקומען אַזוי שפּעט, האָבן זיי אַלע געזאָגט:

— „פֿון איצט אָן וועסטו זײַן דער לעצטער." — און אַזוי איז טאַקע געבליבן. דער אַלף איז געווען דער ערשטער, ווײַל ער האָט זיך דער ערשטער דערמאָנט אַז מען דאַרף קומען צוריק אין די קינדער־ביכער, זיי זאָלן קענען זיך לער־נען; און דער ת שטייט דער לעצטער און שלעפּט זײַן פּיסל.

אותיות	אַלף־בית	סוף

די שרײַבערין



ריוועלע קען שרײַבן
א, ב, און ג,
און מיט אַ רונדער ה
שרײַבט זי הויך אין הימל.

שרײַבט זיידע מיט אַ ז
און באָבע מיט אַ ב,
און רעדעלע און ראָד
שרײַבט זי מיט אַ ר.

ווייס זי ווי צו שרײַבן,
ווייס זי ווי צו גראַמען,
שטעלט אותעלעך מיט אותעלעך
קליינינקע צוזאַמען.

שרײַבט זי אָן אַ בריוועלע
דעם טאַטן און דער מאַמען
און שרײַבט זיך אונטער — ריוועלע.
האָט עס אַלע טעמען.

אות	אותעלעך	טעם	טעמען

דער ייִנגל געדענקט

אַ גאַסט איז געקומען און געוואַרט אויפֿן באַלעבאָס. דער גאַסט איז געווען אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט דערווײַל גערעדט מיטן ייִנגל פֿון באַלעבאָס. דער ייִנגל איז געווען פֿינף יאָר אַלט. האָט דער גאַסט אים געפֿרעגט:

— „וואָס האָסטו הײַנט געגעסן אין דער פֿרי?"

— „ברויט מיט . . ."

דער ייִנגל האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן דעם ענטפֿער, ווײַל עס איז אַרײַנגעקומען זײַן פֿאָטער.

דער גאַסט האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיטן פֿאָטער און דער ייִנגל איז אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער.

עס איז אַוועק אַ יאָר. עס איז ווידער געקומען דער זעל־ביקער גאַסט. ער האָט אַ קניפּ געטאָן דעם ייִנגל אין בעקל און געפֿרעגט:

— „מיט וואָס?"

— „מיט פּוטער", — האָט דער ייִנגל געענטפֿערט.

— „דו געדענקסט זייער גוט. דו וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסער געלערנטער," — האָט דער גאַסט געזאָגט.

און עס איז טאַקע געוועזן אַזוי. דער ייִנגל איז שפּעטער געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער, אַ באַרימטער רבֿ אין דער שטאָט פּראָג.

דער געלערנטער	רבֿ	געדענקען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט דער גאַסט גערעדט מיטן ייִנגל?
2. וואָס האָט דער גאַסט געפֿרעגט דעם ייִנגל?
3. פֿאַרוואָס האָט דער ייִנגל ניט באַוויזן צו ענטפֿערן?
4. האָט דער גאַסט געדענקט וואָס ער האָט געפֿרעגט מיט אַ יאָר צוריק?
5. האָט דער ייִנגל געדענקט וואָס מען האָט אים געפֿרעגט מיט אַ יאָר צוריק?
6. פֿאַרוואָס איז אַזוי וויכטיק צו געדענקען?

אַ הויפֿן

— מאַמע, גיב מיר אַ ביסל ראָזינקעס!
— נעם, מײַן קינד, אַ הויפֿן.
— גיב דו מיר.
— פֿאַרוואָס עפּעס ווילסטו אַליין ניט נעמען?
— ווײַל דײַן הויפֿן איז אַ גרעסערער.

האָט איר געזען אַ מאַמע?

אַ ייִנגעלע איז געגאַנגען מיט דער מאַמען שפּאַצירן. ער איז אַוועקגעלאָפֿן פֿאָרויס און פֿאַרלאָרן זײַן מאַמע. גייט ער אַרום און זוכט זי. פֿרעגט ער בײַ אַלע מענטשן:

— „אפֿשר האָט איר געזען אַ מאַמע אָן אַ ייִנגעלע?"

צו דײַן געבורטסטאָג

צו דײַן געבורטסטאָג,
צו דײַן יום־טובֿ הײַנט
האָבן זיך פֿאַרזאַמלט
דײַנע גוטע פֿרײַנד.
הוראַ־הוראַ — מיר ווינטשן דיר,
הוראַ־הוראַ — מיר ווינטשן דיר,
הוראַ־הוראַ — מיר ווינטשן דיר געזונט.



אַלע אַרבעטן, אַלע מיען זיך



דערציייל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

מילך און ברויט

עס, מײַן קינד, דאָס שטיקל ברויט
און בענטש די ערד וואָס גיט אונדז ברויט.
טרינק, מײַן קינד, דאָס גלעזל מילך
און בענטש די קו וואָס גיט אונדז מילך.
און בענטש די האַנט וואָס גראָבט די ערד,
און באַקט דאָס ברויט און מעלקט די קו —
אַז קיינער זאָל ניט וויסן פֿון הונגער און פֿון נויט!



שלום־עליכם

שלום־עליכם, מלאָכים מײַנע,
שלום־עליכם, מלאָכים פֿײַנע!
שלום־עליכם, װײַב און קינד,
שבת איז שױן דאָ אַצינד.

שלום־עליכם, גוטע פֿרײַנד,
שבת, שבת איז דאָך הײַנט!
שלום־עליכם, זײדעס, באָבעס,
שלום־עליכם, ליבער שבת!



אַ מאַמע און זעקס זין

אַמאָל איז געווען אַן אַלטע מאַמע. האָט זי געהאַט זעקס זין. דער ערשטער זון האָט געהייסן זונטיק, דער צווייטער — מאָנטיק, דער דריטער זון האָט געהייסן דינסטיק, דער פֿערטער זון האָט געהייסן מיטוואָך, דער פֿינפֿטער זון האָט געהייסן דאָנערשטיק, דער זעקסטער זון האָט געהייסן פֿרײַטיק.

זעקס טעג האָבן די זין געאַרבעט און דערנאָך זײַנען זיי אַלע אַוועק צו דער מאַמען. די מאַמע זייערע האָט געהייסן שבת. זי איז שוין געווען אַן אַלטע און אַ גרויע. זי האָט געוואוינט אין אַ שיין ווײַס הויז אויפֿן שפּיץ באַרג. אַרום דעם הויז זײַנען געווען שיינע ביימער, און פֿייגעלעך האָבן געזונגען אויף די צווײַגן פֿון די ביימער. די אַלטע מאַמע שבת האָט געטראָגן ריינע ווײַסע קליידער און אַ שיינע שאַל אויפֿן קאָפּ. בײַ איר אין שטוב איז געווען ריין און שיין. אויפֿן טיש איז געווען אַ ווײַסער טישטעך און ליכט האָבן געברענט אין לײַכטערס. אין מיטן טיש זײַנען געווען שיינע בלומען.

די זעקס זין האָבן זיך זייער געפֿרייט מיט זייער אַלטער גוטער מאַמען. זיי זײַנען אַלע געקומען צו איר. די מאַמע שבת האָט זיך דערפֿרייט מיט אירע זעקס זין און זי האָט יעדערן געפֿרעגט:

— „וואָס האָסטו געטאָן, זונטיק?"

— „איך האָב געאַרבעט אין פֿעלד", — האָט זונטיק געענטפֿערט.

— „וואָס האָסטו געטאָן, מאָנטיק?" — „איך האָב געאַרבעט אין פֿאַבריק", — האָט מאָנטיק געענטפֿערט.

— „וואָס האָסטו געטאָן דינסטיק?" — „איך האָב געבויט הײַזער", — האָט דינסטיק געענטפֿערט.

— „וואָס האָסטו געטאָן, מיטוואָך?" — „איך האָב גע־
נייט קליידער", — האָט מיטוואָך געענטפֿערט.
— „וואָס האָסטו געטאָן, דאָנערשטיק?" — „איך האָב
געוואַשן און גערייניקט", — האָט דאָנערשטיק געענטפֿערט.
— „וואָס האָסטו געטאָן, פֿרײַטיק?" — „איך האָב גע־
קאָכט", — האָט פֿרײַטיק געענטפֿערט.
— „זייער גוט, מײַנע זין" — האָט די מאַמע שבת גע־
זאָגט, — „איצט קומט, לאָמיר עסן און טרינקען און איר
וועט זיך רוען אַ גאַנצן טאָג בײַ מיר".

די זין האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך גערוט. עס
איז זיי געווען זייער פֿריילעך בײַ דער מאַמע שבת אויפֿן
שפּיץ באַרג, אין דעם שיינעם ווײַסן הויז. דערנאָך זײַנען
זיי אַלע אַוועק. די מאַמע שבת האָט אויף זיי ווידער געוואַרט
גאַנצע זעקס טעג.

ער האָט געהייסן	דער שבת	דאָס ליכט	די וואָך

דער לײַכטער

דער שבת קומט

שענער זיצן הײַנט די קינדער,
שענער זעט דאָס צימער אויס.
פֿון דעם אויסגעפּרעסטן טישטעך
שײַנט אַ ליכטיקייט אַרויס.

ווײַסע בלוזעס, ווײַסע העמדער,
קלאָר און ציכטיק דאָס געזיכט.
און אין אַלע, אַלע אויגן
ברענען ווײַסע שבת־ליכט.

שבת אין מדבר

אַ פֿרומער ייִד איז געגאַנגען אין מדבר מיט אַ קאַראַוואַן. ווען עס איז געקומען פֿרײַטיק אין אָוונט, האָט דער פֿרומער ייִד ניט געוואָלט ווײַטער גיין. ער האָט געזאָגט:

— „עס קומט אָן שבת. שבת מוז איך רוען. איך בעט אײַך, לאָמיר דאָ רוען איין טאָג און דערנאָך וועלן מיר גיין ווײַטער."

אָבער די מענטשן פֿון קאַראַוואַן האָבן ניט געוואָלט זיך אָפּשטעלן. האָבן זיי געלאָזט דעם פֿרומען ייִד אַליין אין מדבר און זיי זײַנען אַלע אַוועק.

די זון איז אונטערגעגאַנגען. פֿון ווײַטן האָט מען געהערט דאָס ברומען פֿון בייזע חיות. פּלוצלונג איז אַ גרויסער לייב צוגעלאָפֿן נאָענט צו דעם פֿרומען ייִד און האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן אים.

— „גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ היטער," — האָט דער ייִד געטראַכט און זיך געפֿרייט.

דעם גאַנצן שבת איז דער לייב געלעגן לעבן דעם פֿרומען ייִד. ווען דער שבת איז אַוועק, האָט דער לייב זיך אויפֿגעשטעלט, גאָר נאָענט צוגעקומען צום ייִד און אויף עפּעס געוואַרט. דער ייִד האָט זיך געזעצט אויפֿן לייב, און דער לייב איז גיך געלאָפֿן ביז ער האָט געבראַכט דעם ייִד צום קאַראַוואַן, וואָס איז געגאַנגען פֿאָרויס.

שבת	מדבר	חיות	זיך אַוועקגעלייגט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער ייִד געבעטן די מענטשן פֿון קאַראַוואַן?
2. האָבן די מענטשן פֿון קאַראַוואַן געטאָן וואָס דער ייִד האָט זיי געבעטן?
3. ווער האָט געשיצט דעם ייִד פֿון בייזע חיות?
4. וואָס איז געשען ווען דער שבת איז אַוועק?

די גוטע מאַמע

וואָס טוט די מאַמע ? דערציילט.

בערעלע און זײַן מוטער

אין שול, אויף דער גאַס, אין קראָם — אומעטום, װעט בערעלע, דערלאַנגט מען אַ צעטעלע אויף צו באַצאָלן. אַט קלאָגט זיך דער פֿאָטער, אַז ער האָט געמוזט באַצאָלן אַ סך געלט. װען די מוטער שיקט בערעלען אין קראָם, דערלאַנגט מען אים אַ צעטעלע אויף צו באַצאָלן.

איין מאָל איז אים אײַנגעפֿאַלן אויסצושטעלן אַ רעכענונג זײַן מוטער פֿאַר דעם װאָס ער האָט פֿאַר איר געטאָן.

אויף מאָרגן האָט די מוטער געפֿונען אין קיך אַזאַ רעכענונג:

די מוטער קומט בערעלען:

פֿאַר אײַנקויפֿן אין קראָם — — — — — — — 15 סענט.
פֿאַר אַרײַנוואַרפֿן אַ בריוו אין פּאָסטקעסטל — 10 סענט.
פֿאַר טרינקען מילך — — — — — — — — — 5 סענט.
פֿאַר זײַן אַ גוטער און װאוילער יינגל — — — 25 סענט.

צוזאַמען — — 55 סענט.

קומענדיק פֿון שול האָט בערעלע געטראָפֿן אויף זײַן טישעלע 55 סענט. אַ צופֿרידענער האָט ער זיי אַרײַנגעלייגט אין קעשענע.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי אָבער האָט ער בײַ זײַנע קליידער געפֿונען אַ רעכענונג:

בערעלע איז שולדיק זײַן מוטער:

פֿאַר 10 גליקלעכע יאָר אין שטוב — — — — — גאָרנישט.
פֿאַר צען יאָר עסן און טרינקען — — — — — — גאָרנישט.
פֿאַר אָפּהיטן אים װען ער איז קראַנק — — גאָרנישט.
פֿאַר האָבן אַ גוטע און ליבנדיקע מאַמע — גאָרנישט.

צוזאַמען — גאָרנישט.

בערעלע האָט געלייענט אָט די דאָזיקע רעכענונג און געשוויגן. אין אַ װײַלע אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו דער

מוטער, האָט זי אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן און שטילער־הייט אַרײַנגעלייגט די 55 סענט צו דער מאַמען אין קע־שענע.

באַצאָלן	די רעכענונג	אויסשטעלן אַ רעכענונג

פ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט בערעלע אויסגעשטעלט אַ רעכענונג זײַן מוטער?
2. פֿאַר וועלכע זאַכן האָט ער געמאָנט געלט?
3. וואָס האָט בערעלעס מאַמע געטאָן?
4. מיינסטו אַז פֿאַר אַלץ דאַרף מען קריגן באַצאָלט?
5. קען מען באַצאָלן פֿאַר ליב האָבן?

די מאַמע מיט די פֿינף זין

אַ מאַמע האָט געהאַט פֿינף זין:
איינער — אַ קליינער,
איינער — אַ שיינער.
איינער — אַ גרויסער,
איינער — אַ וואוילער און אַ קלוגער. וואָס די ברידער האָבן ניט געוואוסט, האָט ער זיי געוויזן,
און איינער — אַ נידעריקער, אַ דיקער, מיט אַ בײַכעלע.
אַמאָל זײַנען אָנגעפֿאַלן גזלנים און זיי האָבן געזאָגט צו דער מאַמען:
— „איין זון מוזסטו אונדז אָוועקגעבן! כאַטש איינעם, וועלכן דו ווילסט!"
זאָגט די מאַמע: — „פֿינף זין האָב איך:
איינער — דער קלענסטער,
איינער — דער שענסטער,

איינער — דער גרעסטער,
איינער — דער בעסטער,
איינער — דער פֿעטסטער.
נישט אַלע זײַנען גלײַך, נאָר אַלע האָב איך גלײַך ליב.
קיינעם קען איך אײַך ניט געבן!"

באַלד זײַנען אַרויס דער גרעסטער און דער בעסטער און דער פֿעטסטער אין דער מיט און אַ געשריי געטאָן:

— „ניין! מע גיט ניט!"

זײַנען צו זיי גלײַך צוגעשטאַנען דער קלענסטער און דער שענסטער. האָבן זיך אַלע פֿינף ברידער צונויפֿגעשלאָסן און זיך געשטעלט קעגן די גזלנים. אויף די גזלנים איז אָנגעפֿאַלן אַ שרעק און זיי זײַנען אַנטלאָפֿן.

אָנפֿאַלן	גזלנים	אַוועקגעבן	צושטיין

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז די מאַמע און ווער זײַנען די פֿינף זין?
2. וואָס הייסט: אַלע פֿינף ברידער האָבן זיך צונויפֿגעשלאָסן?
3. וועלכער פֿינגער איז דער קלוגער?



ווער קען צוטראַכטן אַ מעשׂהלע צום בילד? מע קען אַזוי אָנהייבן: די מאַמע איז אַוועק. די קינדער זײַנען געבליבן אַליין אין שטוב.

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע
אויף מײַן מאַמעס בעטעלע.
גייט מײַן מאַמע פֿאַרבײַ,
נאָר זי לאַכט און קוועלט:

— שלאָף, מײַן טאָכטער קליינינקע,
אייגעלעך האָסטו שיינינקע.
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט!

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע
אויף מײַן טאַטנס בעטעלע.
גייט מײַן טאַטע פֿאַרבײַ,
נאָר ער לאַכט און קוועלט:

— שלאָף, מײַן טאָכטער האַרציקע,
הערעלעך האָסטו שוואַרצינקע.
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט!



וואָס טוט דער טאַטע?

אַ ייִנגעלע איז געקומען צום ערשטן מאָל אין שול, און דער לערער האָט אים גענומען אויספֿרעגן:

— „ווי הייסטו, ייִנגעלע?"

— „בערעלע."

— „ווי אַלט ביסטו?"

— „זיבן יאָר."

— „וואָס איז דײַן טאַטע?"

— „מײַן טאַטע איז קראַנק."

— „ניין, ניט דאָס מיין איך. איך פֿרעג: וואָס טוט דײַן טאַטע?"

— „ער הוסט."

— „ניין, ניט דאָס מיין איך. איך וויל וויסן וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז געזונט."

— „ווען ער איז געזונט, הוסט ער ניט."

— „נאַרעלע, דו פֿאַרשטייסט ניט, וואָס מע רעדט צו דיר. זאָג מיר: וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז ניט קראַנק און ווען ער הוסט ניט?"

— „ווען דער טאַטע איז ניט קראַנק, טוט ער זיך אָן און גייט צו דער אַרבעט..."



וואָס איז דאָ געשען? דערצייל.

דער עפּל

די מאַמע האָט געבראַכט פֿון מאַרק אַ גרויסן רויטן עפּל.

— „זע, מירל, וואָס פֿאַר אַן עפּל!“ — האָט זי געזאָגט צו איר טאָכטער וואָס איז געזעסן און געניית, — „נעם און עס אים אויף!“

מירל האָט שוין געוואָלט איינבייסן דעם עפּל. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט אין יאַנקעלען, איר יינגערן ברודערל.

יאַנקעלע האָט נעכטן פֿאַרדינט ביי איר אַן עפּל: ער האָט איר צוויי מאָל געפֿאָלגט אַ גאַנג.

— „זאָל זיין פֿאַר אים!“ — האָט זי געטראַכט.

אַז יאַנקעלע איז געקומען פֿון שול, האָט מירל אים אָפּגעגעבן דעם עפּל. יאַנקעלע האָט באַהאַלטן דעם עפּל אויף שפּעטער.

שפּעטער האָט די מאַמע געשיקט דורך יאַנקעלען מיטאָג צום טאַטן. דער טאַטע האָט געאַרבעט אין אַן אַנדער גאַס.

אַז דער טאַטע האָט אָפּגעגעסן, האָט יאַנקעלע אַרײַנגעדרוקט די האַנט אין קעשענע און אָנגעטאַפּט דעם עפּל. האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— „דער טאַטע אַרבעט, פֿאַרדינט פֿאַר אַלעמען. דער עפּל געהערט צו אים.“

האָט ער דערלאַנגט דעם טאַטן דעם עפּל און געזאָגט:

— „נאַ, טאַטע, די מאַמע האָט דיר געשיקט אַן עפּל אויך!“

— „ווילסט אַ שטיקל?“ — האָט דער טאַטע געפֿרעגט.

— „ניין, איך האָב ניט לאַנג געגעסן“, — האָט יאַנקעלע געענטפֿערט.

דער טאַטע האָט פֿרײַנדלעך אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען, צוגענומען דעם עפּל און באַהאַלטן.

⁂

דער טאַטע איז אין אָוונט געקומען אַהיים. ער האָט אַרויסגענומען דעם עפּל און געזאָגט צו דער מאַמען:

— „נאַ, נעם און פֿאַרזוך. מיר האָט זיך הײַנט ניט געוואָלט.“

— „ווי קומט צו דיר דער גרויסער עפּל?“ — האָט די מאַמע געפֿרעגט, — „זע, מירל, פּונקט אַזאַ, ווי איך האָב דיר הײַנט געגעבן!“

מירל האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען. יאַנקעלע — אויפֿן טאַטן, דער טאַטע — אויף יאַנקעלען, און אַלע האָבן גענומען דערציילן ווי אַזוי דער עפּל איז געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. זיי האָבן דערציילט און געלאַכט.

— „אַ וואונדער־עפּל!“ — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— „אַ וואונדער־עפּל בײַ אַזוינע וואונדער־קינדער ווי מײַנע“, — האָט די מאַמע זיך געפֿרייט.

און זי האָט גענומען אַ מעסער, צעשניטן דעם גרויסן עפּל אויף פֿיר טיילן.

אַלע האָבן געגעסן דעם עפּל. אַלע האָבן געגעסן דעם עפּל און זײַנען געווען גליקלעך.

אײַנבײַסן	אָפּגעגעסן	אַרײַנגערוקט	אַרויסגענומען

פ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס זײַנען זיי אַלע געווען גליקלעך?
2. איז דער גרויסער עפּל געווען אַ וואונדער־עפּל? אָדער די גאַנצע משפּחה איז געווען אַ וואונדער־משפּחה?
3. ווי אַזוי האָט די מאַמע באַקומען דעם עפּל?
4. ווי איז דער עפּל געקומען צו דער טאָכטער?
5. ווי איז דער עפּל געקומען צום פֿאָטער?
6. ווי איז דער עפּל ווידער געקומען צו דער מוטער?

אַז די מאַמע איז ניט געזונט געווען

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, איז געווען אומעטיק אין שטוב.

די קינדער זײַנען געזעסן אין אַ ווינקעלע און זיך ניט געשפּילט.

דאָס פֿייגעלע אין שטײַגל האָט ניט געהאַט קיין קערנער צו פּיקן, האָט עס ניט געזונגען, ניט געשפּרונגען.

דאָס הינטל, דאָס ווילדע לוסטיקע הינטל, איז געלעגן איבער דער מאַמעס בעט און ניט אָפּגעטראָטן.

די בלומען אויף די פֿענצטער האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּלעך. קיינער האָט ניט געטראַכט צו באַגיסן זיי מיט אַ טראָפּן וואַסער.

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, איז דער זייגער אויף דער וואַנט געבליבן שטיין.

דער טאַטע איז גאָר שפּעט אַוועק צו דער אַרבעט און האָט זיך צוריקגעקערט פריִער ווי שטענדיק.

ס'איז געקומען דער דאָקטער און האָט געזאָגט, אַז דער מאַמעס שוואַכקייט קומט פון צו פיל אַרבעטן.

מיטאָג האָבן מיר געגעסן ביַים פעטער, אָבער קיינער איז ניט זאַט געוואָרן און ניט געווען פריילעך.

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, האָט קיינער ניט געקענט פירן די שטוב ווי ס'באַדאַרף צו זיַין.

דאָס קליינע ריוועלע האָט גענומען אויפראַמען די שטוב: זי האָט צעשטעלט די שטולן, אָפּגעווישט דעם שטויב פון אַלמער און פון טיש, אויסגעקערט די צימערן. זי איז אָבער באַלד זייער מיד געוואָרן.

אויף מאָרגן, ווען דער מאַמען איז אַ ביסל בעסער גע־וואָרן און זי איז אַ בלאַסע פאַמעלעך אַראָפּ פון בעט, איז ווידער ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך.

אומעטיק	אויפראַמען	בלאַס	פאַמעלעך

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָבן די קינדער געטאָן, ווען די מאַמע איז ניט גע־זונט געווען ?
2. וואו האָבן זיי געגעסן ?
3. וואָס האָט דער טאַטע געטאָן ?
4. וואָס האָט געטאָן ריוועלע ?
5. וואָס איז געווען מיטן הינטל ?
6. האָבן די בלומען געפילט אַז די מאַמע איז קראַנק ?
7. וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט ?
8. ווי האָט אויסגעזען די שטוב, ווען די מאַמע איז אַראָפּ פון בעט ?

אַז מען איז הונגעריק איז אַלץ געשמאַק

הערשעלע האָט אָפּגערוקט דעם טעלער מיט זופּ:

— „איך קען הײַנט ניט עסן די זופּ", — האָט ער געזאָגט, — „די זופּ איז ניט געשמאַק."

— „אויב דו ווילסט ניט, עס ניט," — האָט די מאַמע געזאָגט.

— „איך קען אויך דאָס פלייש ניט עסן," — האָט הערשעלע געזאָגט, ווען אַלע האָבן געגעסן פלייש.

— „פאַרוואָס?" — האָט די מאַמע געפרעגט.

— „הײַנט איז דאָס פלייש ניט געשמאַק," — האָט הערשעלע זיך באַקלאָגט.

— „נו, אויב דו ווילסט ניט עסן, דאַרפסטו ניט עסן," — האָט אים די מאַמע געזאָגט.

הערשעלע איז אַרויס אין גאַס זיך שפּילן מיט די חבֿרים. אַ צוויי שעה שפּעטער איז הערשעלע אַרײַן אין שטוב.

— „האָסט עפּעס צו עסן?" — האָט ער געפרעגט די מאַמען.

— „איך האָב זופּ. פאַרזוך. אויב עס איז געשמאַק, קענסטו עס עסן."

הערשעלע האָט פאַרזוכט די זופּ און געזאָגט:

— „עס איז זייער גוטע זופּ, אָט די זופּ איז זייער געשמאַק." — און הערשעלע האָט אויפגעגעסן אַ פולן טעלער זופּ.

— „האָסט נאָך וואָס מיר צו געבן, מאַמע?" — האָט ער געפרעגט.

— „איך האָב אויך פלייש, פאַרזוך. אויב עס איז געשמאַק, קענסטו עס עסן", — האָט די מאַמע געזאָגט און אים געגעבן פלייש.

— „אָט דאָס איז פֿלייש! אָט דאָס איז געשמאַק!" — האָט הערשעלע זיך באַלעקט און געגעסן דאָס פֿלייש. די מאַמע האָט געלאַכט.

— „וואָס לאַכסטו, מאַמע?" — האָט הערשעלע גע־פֿרעגט.

— „איך לאַך, הערשעלע", — האָט די מאַמע געזאָגט, — „ווײַל די זופּ איז געווען די זעלביקע זופּ וואָס דו האָסט פֿריִער געזאָגט אַז זי איז ניט געשמאַק, און דאָס פֿלייש איז געווען דאָס זעלביקע פֿלייש, וואָס דו האָסט פֿריִער געזאָגט, אַז עס איז ניט געשמאַק."

— „פֿאַרוואָס איז עס איצט אָבער געווען געשמאַק?" — האָט הערשעלע געפֿרעגט.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— „איצט ביסטו הונגעריק. אַז מען איז ניט הונגעריק איז קיין זאַך ניט געשמאַק, און אַז מען איז הונגעריק, עסט מען אַלץ מיט גרויס אַפּעטיט."

שעה	פֿאַרזוכן	די זעלביקע זופּ	דאָס זעלביקע פֿלייש

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט הערשעלע געזאָגט וועגן דער זופּ?
2. וואָס האָט ער געזאָגט וועגן דעם פֿלייש?
3. האָט די מאַמע געהייסן הערשעלען, ער זאָל עסן?
4. הייסט מען אײַך עסן?
5. פֿאַרוואָס האָט די מאַמע שפּעטער געלאַכט?
6. וואָס הייסט האָבן אַפּעטיט?

דער בעסטער מאָלצײַט

דער גרויסער געלערנטער הלל האָט אַמאָל געזאָגט צו זײַן ווײַב:

— „גרייט צו אַ גוטן מאָלצײַט. מיר וועלן הײַנט האָבן צום מאָלצײַט זייער אַ ליבן גאַסט."

ווען הלל איז אין אָוונט געקומען אַהיים מיטן גאַסט, איז דער מאָלצײַט נאָך ניט געווען פאַרטיק. האָט הלל גערעדט מיטן גאַסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, ביז דער מאָלצײַט איז געוואָרן פאַרטיק. הלל און זײַן גאַסט האָבן געגעסן זופּ וואָס די ווײַב האָט ערשט איצט אויסגעקאָכט און ברויט וואָס זי האָט ערשט אויסגעבאַקן.

ווען דער מאָלצײַט איז געווען פאַרענדיקט, האָט הלל געפרעגט:

— „זאָג מיר נאָר, מײַן טײַערע, פאַרוואָס איז דער מאָלצײַט אַרויסגעקומען אַזוי שפּעט?"

האָט הללס ווײַב דערציילט:

— „דער מאָלצײַט איז שוין לאַנג געווען פאַרטיק. און דאָס איז געווען אַ גוטער און אַ רײַכער מאָלצײַט. אָבער ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, איז אַרײַנגעקומען אַ פרעמדער און האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט הײַנט חתונה געהאַט; ער איז אָבער זייער אָרעם און ער האָט ניט קיין מאָלצײַט פאַר דער כלה. ער וויל זײַן יונגער פרוי געבן כאָטש דעם ערשטן מאָלצײַט זייער אַ גוטן. האָב איך גענומען אַלץ וואָס איז געווען גרייט און האָב אָפּגעגעבן דעם מאַן. פאַר אײַך האָב איך געמוזט מאַכן אַן אַנדער מאָלצײַט."

הלל האָט זיך צעשמייכלט און האָט געזאָגט:

— „איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, מײַן טײַערע, אַז עס איז עפּעס געשען מיטן מאָלצײַט וואָס דו האָסט געגרייט פאַר אונדז. דער מאָלצײַט איז אַרויסגעקומען שפּעט און

איז געווען אָרעם, אָבער פֿאַר מײַן גאַסט און פֿאַר מיר איז עס געווען דער בעסטער מאָלצײַט וואָס מיר האָבן געגעסן אין אונדזער לעבן!"

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס איז דער שפּעטער און דער אָרעמער מאָלצײַט געווען פֿאַר הללן דער בעסטער?
2. וואָס איז געשען מיטן מאָלצײַט וואָס הלל און ווײַב האָט צוגעגרייט?
3. איז הלל געווען אין כּעס אויף זײַן ווײַב וואָס דער מאָלצײַט איז ניט געווען גרייט?
4. וואָס האָט הלל אָנגעזאָגט דער ווײַב וועגן מאָלצײַט?

אויסגעקאָכט	חתונה	כּלה	אָפּגעגעבן

דער מאַמעס מעשה

לייענט מיר די מאַמע
אַ מעשה פֿאַרן שלאָפֿן,
און איך הער די מעשה
מיט די אויגן אָפֿן.

שטיל איז, און די מאַמע
לייענט קוים צום הערן,
און אין פֿענצטער זע איך
ווײַטע, ווײַטע שטערן.

ליג איך אין מײַן בעטל
מיט די אויגן אָפֿן.
מאַמעס שיינע מעשה
וויגט מיך אײַן צום שלאָפֿן.

איציקל וויל זײַן אַ גרױסער

אַלע קלײנע קינדערלעך װילן זײַן גרױסע. איציקל אױך. אַז די מאַמע לאָזט אים נישט גײן אַלײן װײַט פֿון שטוב, זאָגט איציקל:

—„מאַמע! װען װעל איך שױן קענען גײן אומעטום אַלײן?"

— „װען דו װעסט זײַן אַ גרױסער, זונעלע", — ענטפֿערט אים די מאַמע.

— „װען זשע װעל איך שױן זײַן אַ גרױסער?" — פֿרעגט ער.

— „װען דו װעסט אױסװאַקסן."

— „איך װיל שױן זײַן אַ גרױסער!" — זאָגט איציקל, — „איך װיל גיך װאַקסן און װערן גרױס ביזן סופֿית."

***

איציקל זעצט זיך אַװעק אױף אַ בענקעלע און טראַכט: אַז ער װעט זײַן אַ גרױסער — װעט זײַן גוט. ער װעט קענען זײַן אױף ביז שפּעט בײַנאַכט.

— „עס דאַרף נאָך געדױערן אַ סך, איך זאָל װערן אַ גרױסער?" — פֿרעגט איציקל.

— „אַז דו װעסט עסן אַלץ װאָס די מאַמע גיט דיר, װעט נישט דױערן לאַנג", — ענטפֿערט אים די מאַמע.

— „װיפֿל מאָל דאַרף איך נאָך אָפּשלאָפֿן, אַז איך זאָל װערן אַ גרױסער?"

— „די נאַכט און נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט," — זאָגט די מאַמע מיט אַ שמײכל.

— „אַזױ פֿיל נעכט! איך װיל נישט!" — זאָגט איציקל — „איך װיל שױן זײַן אַ גרױסער! אַלע קינדער זײַנען גרױסע, נאָר איך נישט. איך בין נאָך קײן מאָל ניט געװען קײן גרױסער!"



***

איין מאָל, ביינאַכט, שלאָפֿט איציקל. דאַכט זיך אים אַז ער איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער טאַפּט אָן מיט די הענט דעם סופיט. דערפֿרייט ער זיך און לויפֿט אַרויס אויפֿן גאַס. ער שרייט:

— „קינדערלעך! זעט נאָר, ווי גרויס איך בין.“

לויפֿן זיך אַלע קינדערלעך צונויף. זיי קוקן אים אָן און וואונדערן זיך:

— „אָ, ווי גרויס!“

— „ווי הויך ער איז!“

— „העכער ווי מײַן טאַטע!“

— „רײַס מיר אָפּ אַ צווײַגל פֿון בוים!“ — בעט זיך איין יינגעלע בײַ אים.

— „נעם מיר אַראָפּ די פּילקע פֿון דאַך!“ — בעט זיך אַ צווייטער.

איציקל לאַכט, איציקל איז צופֿרידן. ער שטרעקט אויס די האַנט און ברעכט אָפּ אַ צווײַגל פֿון העכסטן בוים אין גאַס. ער נעמט אַראָפּ פֿאַר אַ יינגל די פּילקע פֿון דאַך.

עס איז געוואָרן בײַנאַכט. איציקל גייט אַרײַן אין שטוב.

ער טוט זיך אויס, וויל זיך לייגן אין בעטעלע אַרײַן — עס איז קליין דאָס בעטל. ער קען ניט אויסציִען די פּיס. הייבט ער אָן שרײַען:

— „מאַמע! טאַטע! קומט נאָר אַהער. איך האָב נישט וואו צו שלאָפֿן. עס איז קליין דאָס בעטל!"

אַז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן איציקלען אויפֿגעוועקט, האָבן זיי געזען אַז ער איז גערעכט: דאָס בעטל איז טאַקע קליין און ער האָט ניט וואו אויסצוציִען די פּיס. אָבער ניט דערפֿאַר ווײַל ער איז געוואָרן אַזוי גרויס, נאָר ווײַל ער איז געלעגן אין דער ברייט פֿון בעטל.

עס דויערט לאַנג	דער סופֿיט	אויסציִען די פּיס

אויפֿגעוועקט



פֿ ר אַ ג ע ן:

1. פֿאַרוואָס האָט איציקל געוואָלט זײַן אַ גרויסער?
2. ווען גייסטו שלאָפֿן?
3. וואָס האָט זיך איציקלען געחלומט?
4. וואָס האָט ער געטאָן ווען ער איז געווען אַ גרויסער?
5. פֿאַרוואָס האָט ער נישט געקענט אויסציִען די פּיס אין בעט?
6. מיינט איר אַז עס איז טאַקע גוט צו זײַן אַ גרויסער?

אַ גוטע זיסע נאַכט

צוגעדעקט די פֿיסעלעך!
כ׳בּרענג דיר מאָרגן ניסעלעך,
פֿרישע ניסעלעך פֿון וואַלד,
זאָלסט, מײַן קינד, נאָר שלאָפֿן באַלד.

דרימלט אײַן מײַן קינדעלע פֿעסט.
קומען באַלד די ליבע געסט.
קומען, קומען אָנגעפֿלויגן
מלאָכימלעך מיט זיסע אויגן.

די פֿליגעלעך פֿון לויטער גאָלד.
זיי האָבן שטילע קינדער האָלט.
און זיי קומען צו באַהיטן,
צו באַהיטן און באַשיצן,
מיט חלומות שטילע, שיינע
ווי עס פּאַסט פֿאַר קינדער קליינע.

מאַך נאָר צו די אייגעלעך,
זיי פֿליִען אָן ווי פֿייגעלעך.
הערסט, מײַן קינד, הערסט, מײַן קרוין?
די פֿליגעלעך זיי רוישן שוין!
שאַ, די אייגעלעך פֿאַרמאַכט.
האָב אַ גוטע, שטילע נאַכט.

באַהיטן	באַשיצן	חלומות	רוישן



פֿאַרוואָס עסט מען אינדיק טענקס־ גיווינג?

די ערשטע פּיאָנירן דאָ אין לאַנד האָבן זייער שווער געאַרבעט. מען האָט געדאַרפֿט אַקערן ערד, וואָס מען האָט פֿריִער קיין מאָל ניט געאַקערט. מען האָט געדאַרפֿט שווער אַרבעטן בײַם זייען און בײַם פֿלאַנצן, און בײַם שנײַדן תּבֿואה. צו ביסלעך איז געוואָרן גרינגער.

עס זײַנען שוין געווען אין הויף אַ האָן מיט הינער, אַ גאַנדז, אַ קאַטשקע און אַן אינדיק.

אַלע אין הויף האָבן געלעבט גוט צווישן זיך. די קאַטש־קע און די גאַנדז האָבן זיך דערציילט מעשׂיות און געלעבט ווי פֿרײַנד. דער האָן איז אַלע מאָל אַרומגעגאַנגען מיט די הינער און געוויזן זיי וואו צו געפֿינען קערנער. אַלע זײַנען געווען צופֿרידן און אַלע האָבן געלעבט בשלום.

נאָר דער אינדיק איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער. ער איז אַלע מאָל געווען אָנגעבלאָזן. ווי נאָר די קאַטשקע אָדער די גאַנדז האָבן געוואָלט צוקומען צו אים, האָט ער זיך אָנגע־בלאָזן און געשריִען: — „אַוועק פֿון מיר! וואָס גלײַכט איר זיך צו מיר? איך בין דער איינציקער אַמעריקאַנער דאָ אין הויף! איר אַלע זײַט געקומען פֿון יענער זײַט ים! איך בין דער איינציקער וואָס שטאַמט פֿון אַמעריקע. נאָר איך האָב דאָס רעכט דאָ צו זײַן!"

עס איז געקומען דער טאָג ווען די פּיאָנירן האָבן מער נישט געדאַרפֿט אַרבעטן אין פֿעלד, ווײַל די גאַנצע אַרבעט איז שוין געווען פֿאַרענדיקט. האָבן זיי געזאָגט: מיר וועלן מאַכן אַ גרויסן יום־טובֿ!

איז מען אַרום אין הויף צו זען וואָס זאָל מען אויסבראָטן פֿאַר דעם שיינעם יום־טובֿ.

— „אָט די הון", — האָט געזאָגט איינער פֿון די פּיאָ־נירן.

— „נעמט ניט די הון!" — האָט גענומען שרײַען דער האָן, — „זי איז מײַן פֿרײַנד, נעמט בעסער מיך!"

— „נעמט ניט דעם האָן" — האָבן גענומען שרײַען די הינער, — „ער איז גוט צו אונדז."

— „נעמט ניט די קאַטשקע", — האָט געזאָגט די גאַנדז, — „נעמט בעסער מיך. די קאַטשקע איז מײַן בעסטער פֿרײַנד." — און די זעלביקע זאַך האָט די קאַטשקע געזאָגט וועגן דער גאַנדז.

אָבער דער אינדיק האָט זיך געבלאָזן און האָט געזאָגט:

— „נעמט זיי אַלעמען! נעמט און בראָט זיי אויס. זיי זײַנען דאָ פֿרעמדע. איך בין דער איינציקער אַמעריקאַנער.״

— „אויב אַזוי״, — האָבן די פּיאָנירן געזאָגט, — „דאַרף מען דיך טאַקע אויסבראָטן צו אונדזער אַמעריקאַנער יום־טובֿ.״

און פֿון דעמאָלט אָן פּירט מען זיך אַז ווען עס קומט טענקסגיווינג בראָט מען אויס אַן אינדיק צו דעם יום־טובֿ.



די קאַטשקע	די גאַנדז
אָנגעבלאָזן	זיך גלײַכן
אויסבראָטן	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָבן געלעבט די ערשטע פּיאָנירן?
2. ווער האָט געלעבט גוט צווישן זיך?
3. פֿאַרוואָס האָט דער אינדיק זיך געבלאָזן?
4. פֿאַרוואָס האָט מען ניט גענומען אויסצובראָטן די גאַנדז אָדער די קאַטשקע?
5. פֿאַרוואָס האָט מען ניט גענומען אויסצובראָטן אַ הון אָדער דעם האָן?
6. פֿאַרוואָס האָט מען גענומען דעם אינדיק אויסצובראָטן צום יום־טובֿ?

אַ גוטער שכן איז אַ גרויס גליק

בײַם טײַך ירדן האָבן אַמאָל געלעבט צוויי משפּחות. איין מאָל האָט פּאַסירט אַז אַ ייִנגל פֿון איין משפּחה האָט זיך געבאָדן אין טײַך. דער ייִנגל האָט גענומען זיך טרינקען און האָט געשריִען: — „ראַטעוועט! ראַטעוועט!״

זיינע עלטערן זיינען נישט געווען אין דער היים. אָבער דער שכן האָט דערהערט דאָס געשריי פֿון דעם ייִנגל. ער איז גיך אַריין אין טײַך און געראַטעוועט דעם ייִנגל פֿון זיין שכן.

א פּאָר חדשים שפּעטער איז געוואָרן אַ פֿײַער אין איי־נעם פֿון די הײַזער. דער שכן איז אַרויסגעלאָפֿן העלפֿן. הערט ער אַ געוויין וואָס האָט זיך געטראָגן צו אים דורכן רויך און פֿײַער. האָט ער קיין סך נישט געקלערט, איז אַרײַנגעלאָפֿן אין דעם ברענעדיקן הויז און האָט אַרויסגעטראָגן דאָס קליי־נע מיידעלע פֿון דעם שכן. ווען דער פֿאָטער פֿון דעם מיי־דעלע איז געקומען און זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער זייער שטאַרק געדאַנקט דעם שכן. דער שכן אָבער האָט אים געזאָגט: „פֿאַרוואָס דאַנקסטו מיר? דו האָסט גע־ראַטעוועט מײַן ייִנגל פֿון וואַסער, האָב איך געראַטעוועט דײַן מיידעלע פֿון פֿײַער.”

ווען מענטשן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער מעשׂה, האָבן זיי געזאָגט:

— „אַ גוטער שכן איז אַ גרויס גליק.”

ירדן	האָט פּאַסירט	שכן	ראַטעווען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט פּאַסירט מיטן ייִנגל פֿון איין משפּחה?
2. ווער האָט אים געראַטעוועט?
3. וואָס האָט פּאַסירט אין דעם הויז פֿון דער צווייטער משפּחה?
4. ווער האָט געראַטעוועט דאָס מיידעלע פֿון פֿײַער?
5. וואָס האָט איין שכן געזאָגט דעם צווייטן?
6. וואָס האָבן מענטשן געזאָגט?

די זון און די לבנה

ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, האָט ער געמאַכט די זון זי זאָל לײַכטן בײַטאָג און די לבנה זי זאָל לײַכטן בײַ־נאַכט.

און די זון און די לבנה זײַנען בײדע געווען גלײַך. זיי זײַנען בײדע געווען גלײַך גרויס און בײדע האָבן געהאַט דאָס זעלביקע ליכט.

די זון איז געווען צופֿרידן, אָבער די לבנה האָט געזאָגט צו גאָט:

— „דו האָסט ניט גוט געטאָן וואָס דו האָסט מיך באַ־שאַפֿן גלײַך מיט דער זון. מענטשן וועלן ניט וויסן קיין אונ־טערשייד צווישן דער זון און דער לבנה. מע וועט אַפֿילו נישט קענען וויסן ווער עס איז די זון און ווער עס איז די לבנה. און איך וויל אַז מען זאָל אַלע מאָל וויסן אַז איך בין די לבנה."

האָט גאָט געזאָגט: — „דו ביסט גערעכט. מע דאַרף וויסן ווער עס איז די זון און ווער עס איז די לבנה. פֿון איצט אָן וועסטו זײַן קלענער פֿון דער זון און האָבן אַ סך ווייניקער ליכט."

און אַזוי איז געוואָרן. איצט איז די לבנה אַ טרויעריקע און אַ בלאַסע. זי שעמט זיך און באַהאַלט זיך אָפֿט הינטער וואָלקנס.

לבנה	איז צופֿרידן	גערעכט	אַ סך

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז גרעסער: די זון אָדער די לבנה?
2. ווען זײַנען די זון און די לבנה געווען גלײַך?
3. וואָס האָט די לבנה געזאָגט צו גאָט?
4. וואָס האָט גאָט געטאָן?

פאַרוואָס האָט דאָס שעפּעלע וואָל?

דאָס שעפּעלע איז געקומען צו גאָט און געזאָגט:
— „אויף דײַן וועלט זײַנען דאָ אַ סך בייזע חיות. זיי האָבן שאַרפֿע ציין, לאַנגע נעגל, גרויסע הערנער. וואָס זאָל איך טאָן? ווי קען איך זיך שיצן?"

האָט גאָט געזאָגט: „איך וועל דיר געבן שאַרפֿע ציין און דו וועסט קענען בײַסן מיט זיי."

— „פּאַסן דען פֿאַר מיר שאַרפֿע ציין?" — האָט דאָס שעפּעלע געפֿרעגט, — „איך וויל ניט קיינעם בײַסן."

— „וועל איך דיר געבן לאַנגע נעגל," — האָט גאָט געזאָגט, — „און דו וועסט קענען רײַסן מיט זיי."

— „פּאַסן דען פֿאַר מיר לאַנגע נעגל?" — האָט געפֿרעגט ווידער דאָס שעפּעלע, — „איך וויל ניט קיינעם רײַסן."

— „איך וועל דיר געבן גרויסע הערנער אויפֿן שטערן", — האָט גאָט געזאָגט, — „און דו וועסט קענען שטעכן מיט זיי."

— „פּאַסן דען פֿאַר מיר גרויסע הערנער?" — האָט דאָס שעפּעלע ווידער געפֿרעגט, — „איך וויל ניט קיינעם שטעכן."

האָט גאָט געזאָגט: — „דו ביסט אַ גוט שעפּעלע. דו ווילסט קיינעם ניט בײַסן, קיינעם ניט רײַסן, קיינעם ניט שטעכן. גיב איך דיר גאָר אַ שיינע מתנה: ווייכע וואַרעמע וואָל, און דער מענטש וועט דיך שוין שיצן קעגן אַלע בייזע חיות."

דאָס שעפּעלע איז אַוועק זייער צופֿרידן און פֿון דעמאָלט אָן גיט עס דעם מענטשן איר וואָל.

מתנה	עס פּאַסט	זיך שיצן	חיות

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דאָס שעפּעלע געבעטן בײַ גאָט?

2. פאַרוואָס האָט דאָס שעפּעלע נישט געוואָלט קיין שאַרפע ציין?

3. וואָס האָט דאָס שעפּעלע געזאָגט ווען גאָט האָט אים געוואָלט געבן לאַנגע נעגל?

4. פאַרוואָס האָט דאָס שעפּעלע נישט געוואָלט קיין גרויסע הערנער?

5. וואָס האָט גאָט געגעבן דעם שעפּעלע?

פאַרוואָס האָט דער אייזל לאַנגע אויערן

דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט איז געווען אָדם. און אָדם האָט געגעבן נעמען אַלע באַשעפענישן און אַלע חיות פון דער וועלט.

— „געדענק, דו הייסט לייב" —האָט ער געזאָגט דעם לייב. — „איך הייס לייב", — האָט דער לייב אים נאָכגעזאָגט.

— „געדענק, דו הייסט בער," — האָט אָדם געזאָגט דעם בער. און דער בער האָט נאָכגעזאָגט: — „איך הייס בער."

— „געדענק, דו הייסט פערד," — האָט אָדם געזאָגט דעם פערד. און דאָס פערד האָט נאָכגעזאָגט: — „איך הייס פערד."

— „געדענק, דו הייסט אייזל", — האָט אָדם געזאָגט דעם אייזל. אָבער דער אייזל האָט ניט נאָכגעזאָגט. ער האָט געזען גראָז לעבן זיך, האָט ער געגעסן דאָס גראָז.

אַ פאָר טעג שפּעטער האָט אָדם גערופן אַלע חיות און

זיי געפֿרעגט ווי זיי הייסן. — „איך הייס לייב“, — האָט געשריִען דער לייב; — „איך הייס בער“ — האָט געברומט דער בער; — „איך הייס פֿערד“ — האָט דאָס פֿערד געזאָגט.

— „און ווי הייסטו?“ — האָט אָדם געפֿרעגט דעם אייזל. — „איך הייס... איך הייס...“ — און דער אייזל האָט נישט געדענקט ווי ער הייסט.

— „אייזל! געדענק אַז דו הייסט אייזל!“ — איז אָדם געוואָרן אין כּעס און האָט אַ ציִ געטאָן דעם אייזל פֿאַר די אויערן. אָדם איז געווען זייער אַ שטאַרקער, שטאַרקער פֿון אַלע מענטשן נאָך אים. האָט ער אויסגעצויגן דעם אייזל די אויערן. פֿון דעמאָלט אָן האָט דער אייזל לאַנגע אויערן.

חיות	געדענקען	איך הייס	אין כּעס

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער האָט געגעבן נעמען אַלע באַשעפֿענישן?
2. פֿאַרוואָס האָט דער אייזל ניט געדענקט זײַן נאָמען?
3. וואָס האָט אָדם געטאָן דעם אייזל?

אָדם האָט זיך אומזיסט געשראָקן

ווען גאָט האָט באַשאַפֿן אָדמען, האָט אָדם געזען די וועלט אַרום זיך און האָט זיך זייער דערפֿרייט: סאַראַ שיינע וועלט דאָס איז! ווי ליכטיק עס איז, ווי וואַרעם עס איז!

אָבער עס איז געקומען אָוונט און די זון האָט גענומען אונטערגיין. עס איז געוואָרן אַלץ פֿינצטערער. האָט אָדם

זיך געשראָקן: ווײ איז מיר, עס ווערט פֿינצטער און עס ווערט קאַלט. די וועלט גייט אונטער!

איז אָדם געלעגן אין שרעק די גאַנצע נאַכט. אָבער עס איז ווידער געוואָרן טאָג, עס איז אויפֿגעגאַנגען די זון. אָדם איז געוואָרן רואיק און האָט געזאָגט: „הייסט עס די וועלט פֿירט זיך אַזוי. טאָג און נאַכט בײַטן זיך."

עס איז אַוועק דער זומער. עס איז שוין באַלד אַוועק דער האַרבסט. די טעג זײַנען געוואָרן אַלץ קירצער, און עס איז געוואָרן אַלץ קעלטער.

— ווײ איז מיר! — האָט אָדם געטראַכט. עס קומט באַלד אַ סוף צו דער וועלט. די וועלט וועט באַלד אונטער־גיין. האָט אָדם געלעבט אין שרעק אַ סך טעג.

אָבער דערנאָך האָט אָדם געזען אַז די טעג ווערן ווידער לענגער, די נעכט ווערן קירצער און עס ווערט ווידער וואַ־רעם. האָט אָדם זיך געפֿרייט און האָט געזאָגט: — „איצט זע איך אַז די וועלט פֿירט זיך אַזוי. זומער און ווינטער בײַטן זיך."

אונטערגיין	זיך געשראָקן	דער האַרבסט	אַ סך

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. איז אָדמען געפֿעלן געוואָרן די וועלט?
2. פֿאַרוואָס האָט זיך אָדם געשראָקן ווען די זון האָט גענומען אונטערגיין?
3. ווען איז אָדם געוואָרן רואיק?
4. פֿאַרוואָס האָט זיך אָדם געשראָקן ווען די טעג זײַנען גע־וואָרן קירצער?
5. ווען איז אָדם ווידער געוואָרן רואיק?
6. ווי לערנט זיך דער מענטש?

קין און הבל

קין און הבל זײַנען געווען אָדמס צוויי זין. קין האָט ליב געהאַט זיך צו קריגן און הבל איז געווען אַ שטילער און געוואָלט לעבן בשלום מיט זײַן ברודער. איין מאָל זאָגט קין צו הבלען:

— „איך וויל זיך אויך נישט קריגן. לאָמיר זיך צעטיילן די וועלט און לאָמיר לעבן בשלום."

— „אויב דו ווילסט אַזוי, זאָל זײַן אַזוי," — האָט געזאָגט הבל.

— „אָבער איך וויל נעמען די גאַנצע ערד", — האָט געזאָגט קין.

— „גוט," — האָט געזאָגט הבל, — „אָבער מיר לאָז די שאָף."

קין האָט געזאָגט: — „גוט."

און זיי האָבן זיך צעטיילט די וועלט.

איין מאָל האָט קין געאַרבעט אין פֿעלד. זעט ער זײַן ברודער הבל פֿיטערט שאָף. איז ער צוגעלאָפֿן צו אים און געשריִען:

— „די ערד איז מײַנע. פֿאַרוואָס פֿיטערסטו דײַנע שאָף אויף מײַן ערד?"

האָט הבל געזאָגט: — „פֿאַרוואָס טראָגסטו קליידער פֿון וואָל וואָס קומט פֿון מײַנע שאָף?"

אָבער קין האָט זיך ניט צוגעהערט און געשריִען ווײַטער:

— „אַראָפּ פֿון מײַן ערד!"

און הבל האָט געשריִען: — „טו אויס מײַנע קליידער!"

האָבן זיי זיך געקריגט ביז קין איז אָנגעפֿאַלן אויף זײַן ברודער און האָט אים געטייט.

צעטיילן	פיטערן שאָף	לעבן בשלום

פ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָבן קין און הבל זיך צעטיילט די וועלט?
2. וואָס האָט קין געזאָגט וועגן הבלס שאָף?
3. וואָס האָט הבל געזאָגט וועגן קינס קליידער?
4. האָט הבל געקענט אַראָפּ פֿון דער ערד?

אַ מעשה מיט צוויי ברידער

א

אַמאָל זײַנען געווען צוויי ברידער. איינעם האָט מען גערופֿן קידער און דעם אַנדערן — ווידער.

און זיי האָבן טאַקע געלעבט קידער־ווידער. האָט איינער געזאָגט טאָג, האָט דער צווייטער געזאָגט נאַכט; האָט איינער געוויינט, האָט דער צווייטער געלאַכט; האָט איינער געזאָגט זומער, האָט דער צווייטער געזאָגט ווינטער.

אײן מאָל האָבן די ברידער געדאַרפֿט ערגעץ וואו פֿאָרן. זאָגט איינער:

— „לאָמיר פֿאָרן מיט דער באַן."

לאַכט דער צווייטער:

— „אַ נײַער פּלאַן, גאָר פֿאָרן מיט דער באַן!"

לאַכט קידער:

— „טאָ ווי זשע ווילסטו פֿאָרן?"

זאָגט ווידער:

— „איך מיין מיט אַ פֿערד און וואָגן."

זאָגט קידער:

— „אַ פֿערד און וואָגן טויג אויף קלאָגן."

זאָגט ווידער:

— „און מיט דײַן באַן, גיי איך מיט דיר אין געוועט, וועלן מיר נאָך פֿאַרפֿאָרן העט־העט!"

אַזוי האָט מען זיך געקריגט און געקליגט, ביז מען איז גאָרניט געפֿאָרן.

ב

דאָס אַלטע הויז, וואו די צוויי ברידער, קידער און ווי־דער, האָבן געוואוינט האָט שוין געהאַלטן בײַם אײַנפֿאַלן און מען האָט געדאַרפֿט בויען אַ נײַ הויז.

זאָגט קידער:

— „מע דאַרף בויען פֿון האָלץ.“

זאָגט ווידער:

— „ניין, פֿון ציגל.“

זאָגט קידער:

— „פֿון ציגל איז דאָך טײַער.“

זאָגט ווידער:

— „און פֿון האָלץ טויג אויפֿן פֿײַער!“

האָבן זיי זיך אַזוי געקריגט און געקליגט און גאָרניט געבויט קיין הויז.

זײַנען זיי געזעסן אין דעם אַלטן הויז.

און זיי זײַנען געזעסן, ביז דאָס הויז איז אײַנגעפֿאַלן.

ג

וואָס זאָלן זיי איצטער טאָן? זיי קאָנען דאָך אין דרויסן ניט זיצן! זײַנען זיי אַוועק וואוינען בײַ פּרעמדע און אויך דאָרטן זײַנען זיי געווען קידער־ווידער.

אָבער די פּרעמדע מענטשן האָבן ניט געקאָנט פאַר־טראָגן דעם קידער־ווידער פון די צוויי ברידער. האָבן די פּרעמדע מענטשן צו זיי געזאָגט:

— „ליבע ברידער, אויב איר ווילט לעבן קידער־ווי־דער, קלײַבט זיך אַרויס און בויט זיך אויס אַליין אַ הויז."

זײַנען אַוועק די צוויי ברידער, קידער און ווידער, בויען פאַר זיך אַ הויז. אָבער דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די זעלביקע מעשה: קידער האָט געוואָלט בויען דאָס הויז פון האָלץ און ווידער — פון ציגל. איז אַוועק אַ קידער־ווידער צווישן די צוויי ברידער, און דערווײַל האָט מען ניט געבויט דאָס הויז, און די מעשה איז ניט אויס.

און אָט אַזוי איז די מעשה מיט די צוויי ברידער, וואָס איינעם האָט מען גערופן קידער און דעם אַנדערן — ווידער.

טויגן אויף פײַער	גיין אין געוועט

פ ר אַ ג ע ס:

1. ווי לעבט איר מיט אײַערע ברידער און שוועסטער?
2. טראַכט אויס נאָך אַ מעשה ווי די ברידער קריגן זיך.
3. געדענקט איר די מעשה ווי אַ ברודער און אַ שוועסטער האָבן ניט געקענט זיך צעקריגן?



חנוכּה־שפּיל

— גוט יום־טובֿ אײַך, קינדער,
מיר קומען פֿאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל
און חנוכּה־געלט.

— איך בין אַ דריידל,
כ׳פֿאַרשפּיל און געווין
מיט נון און מיט גימל,
מיט הײ און מיט שין.

— איך בין אַ ליכטל,
געצונדן, צעהעלט,
באַלײַכט איך די ייִדן
די פֿינצטערע וועלט!

— כ׳בין חנוכּה־געלט,
הייב אָן קלײַבן פֿון הײַנט,
פֿאַר ניצלעכע זאַכן,
מתנות פֿאַר פֿרײַנד.

— גוט יום־טובֿ אײַך, קינדער,
מיר קומען פֿאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל
און חנוכּה־געלט.

יום־טובֿ	פֿאַרשטעלט	באַלײַכטן	מתנות



דריידעלע

דריידעלע, דריידעלע,
דריידל פֿון בלײַ;
דריי זיך, באַוועג זיך
פֿלינקער און פֿרײַ,
דערצייל אונדז דײַן מעשׂה,
דערצייל אויף דאָס נײַ.

דערצייל פֿון אַ זיג,
דערצייל פֿון אַ נס,
ווי אַ קליין קריגעלע בוימל
האָט געברענט אַכט מעת־לעת.

דערצייל פֿון אַמאָל,
דערצייל אויף דאָס נײַ;
דריידעלע, דריידעלע,
דריידל פֿון בלײַ.

נס	אויף דאָס נײַ	מעשׂה

אַ מעשה מיט אַ חנוכּה־דריידל

יאָסעלעס זיידע האָט געבראַכט יאָסעלען אַ דריידל. אָבער יאָסעלע האָט ניט געוואוסט ווי צו דרייען דאָס חנוכּה־דריידל. האָט דער זיידע געוויזן יאָסעלען ווי אַזוי מען דרייט דאָס דריידל און האָט דערבײַ געזונגען אַזאַ לידעלע:

דריידעלע, דריידעלע, דריי זיך,
יאָסעלע, יאָסעלע, פֿריי זיך,
דער טאַטע וועט געבן חנוכּה־געלט,
די מאַמע וועט באַקן לאַטקעס אַ וועלט.

און דאָס דריידעלע האָט זיך געדרייט און געדרייט, און יאָסעלע האָט זיך געפֿרייט און געפֿרייט. אָבער דאָס דריידל האָט זיך אײַנגעמאַטערט, האָט אַ פֿאַל געטאָן און זיך מער ניט געדרייט. האָט יאָסעלע אַ כאַפּ געטאָן דאָס דריידל און אַ דריי געגעבן. האָט זיך דאָס דריידל זייער לאַנג געדרייט, ביז עס איז אַראָפּ פֿון טיש אויפֿן דיל און זיך אַלץ ווײַטער געדרייט.

די טיר איז געווען אָפֿן, דאָס דריידל איז אַרויסגעשפּרונגען אין גאַס און האָט זיך אַלץ געדרייט און געדרייט. יאָסעלע איז נאָכגעלאָפֿן נאָכן דריידל, ביז דאָס דריידל האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ קליין הײַזל. האָט יאָסעלע פֿאַרשטאַנען אַז דאָס דריידל וויל אַרײַן אין דעם הײַזל. האָט יאָסעלע אָנגעקלאַפּט אין טיר און גערופֿן:

— „ווער איז דאָ אין הויז זאָל גלײַך אַרויס.“

איז אַרויס אַ ייִנגל אַזוי ווי יאָסעלע. אָבער יענער איז געווען אַן אָרעמער, אין צעריסענע קליידער און אַ הונגעריקער. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס דריידל. אָבער יאָסעלע האָט געזאָגט:

— „עס איז מײַן חנוכּה־דריידל. מײַן זיידע האָט עס מיר געבראַכט.“ — האָט דער אָרעמער ייִנגל אים געזאָגט: — „איך וויל אויך האָבן אַ חנוכּה־דריידל.“

— „זאָל דיר דײַן זיידע קויפֿן אַ חנוכּה־דריידל.“
— „איך האָב נישט קיין זיידן. מײַן זיידע איז געשטאָרבן.“
— „זאָל דיר דײַן טאַטע ברענגען אַ חנוכּה־דריידל.“
— „איך האָב ניט קיין טאַטן. מײַן טאַטע איז געשטאָרבן.“
— „זאָל דיר דײַן מאַמע ברענגען אַ חנוכּה־דריידל.“
— „מײַן מאַמע איז אַן אָרעמע. זי איז אַוועק אַרבעטן.“
— „ווילסטו קיין לאַטקעס אויך ניט האָבן?“ — האָט יאָסעלע געפֿרעגט. — „ווילסטו גאָרנישט עסן קיין לאַטקעס?“
דער אָרעמער יִנגל האָט געשוויגן. האָט יאָסעלע געזאָגט:
— „ווייסטו וואָס? קום צו מיר אַהיים און מײַן מאַמע וועט דיר געבן לאַטקעס. מיר בײדע וועלן זיך שפּילן אין חנוכּה־דריידל.“
דער אָרעמער יִנגל האָט זיך זייער געפֿרייט און איז געקומען צו יאָסעלען אַהיים. יאָסעלע האָט דערציילט וואָס עס איז געשען מיטן דריידל און מיט אים. דער זיידע האָט אַ קניפּ געטאָן יאָסעלען אין בעקל און האָט געזאָגט:
— „ביסט אַ גוט יִנגעלע, יאָסעלע.“
יאָסעלע איז געוואָרן חבֿר מיטן אָרעמען יִנגל. פֿון דעמאָלט אָן האָבן בײדע זיך געשפּילט אינאיינעם. און וואָס יאָסעלע האָט געהאַט — האָט ער אויך געגעבן זײַן חבֿר.

געוויזן	זיך געדרייט	געשוויגן	זיך געפֿרייט	חבֿר

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער האָט געשאָנקען יאָסעלען אַ דריידל?
2. וואָס פֿאַר אַ לידעלע האָט דער זיידע אויסגעלערנט יאָסעלען?
3. וואָס איז געשען מיטן דריידל, ווען יאָסעלע האָט עס אַ דריי געטאָן?

4. וואָס האָט דער אָרעמער ייִנגל דערציילט יאָסעלען ?
5. וואָס האָט יאָסעלע געטאָן ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער אָרעמער ייִנגל וועט גאָרנישט עסן קיין לאַטקעס ?
6. זײַנען יאָסעלע און דער אָרעמער ייִנגל געוואָרן גוטע חבֿרים?
7. איז דער זיידע געווען צופֿרידן מיט יאָסעלען ?

דאָס דריידל

דער זיידע האָט געקויפֿט פֿאַר שלמהלען אַ דריידל. שלמהלע האָט זיך זייער געפֿרייט מיטן דריידל און עס גע־דרייט און געדרייט אויפֿן טיש. איין מאָל פֿאַלט דאָס דריידל אויף „נ", אַן אַנדער מאָל אויפֿן „ג", אַן אַנדער מאָל אויפֿן „ה", אַן אַנדער מאָל אויפֿן „ש".

שלמהלע מוז זיך אַליין שפּילן מיטן דריידל, ווײַל ער וואוינט אַליין און ער האָט ניט קיין חבֿרים.

דעם דריידל איז אָבער איבערדריסיק געוואָרן זיך צו דרייען און זיך צו דרייען אויפֿן זעלביקן טיש און צו זײַן די גאַנצע צײַט צווישן די פֿינגער פֿון איין ייִנגעלע. האָט דאָס דריידל אַ שפּרונג געטאָן פֿון טיש אויפֿן דיל. דאָס דריידל האָט זיך געדרייט אויפֿן דיל. די טיר איז געווען אָפֿן, איז דאָס דריידל אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן. דאָס דריידל האָט זיך געדרייט אין דרויסן און דערנאָך גענומען גיך, גיך זיך דרייען איבערן פֿעלד.

שלמהלע איז נאָכגעלאָפֿן דעם דריידל. זעט ער ווי דאָס דריידל דרייט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער אין פֿעלד, אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ — ביז דאָס דריידל קומט אין אַ הייל. שלמהלע איז נאָכגעלאָפֿן דעם דריידל און אויך אַרײַן אין הייל.

אין הייל איז געווען אַ גרויסער טיש. אַרום טיש איז גע־זעסן אַן אַלטער מאַן מיט פֿינף זין. דער אַלטער מאַן האָט דערזען דאָס דריידל, האָט ער אויפֿגעהויבן דאָס דריידל און געזאָגט:

— „אַ חנוכּה־דריידל! גוט יום־טובֿ דיר, חנוכּה־דריידל! איך האָבּ טאַקע אויף דיר געוואַרט. איצט, מײַנע זין, קענען מיר אַלע שפּילן אין דריידל.״ און דער אַלטער מיט זײַנע פֿינף זין האָבּן געשפּילט אין דריידל. שלמהלע האָט זיך מער ניט געקענט אײַנהאַלטן און געפֿרעגט דעם אַלטן מאַן:

— „ווער בּיסטו?״

— „ווייסט ניט ווער איך בּין?״ — האָט געזאָגט דער אַלטער מאַן. — „איך בּין דאָך מתתיהו און דאָס זײַנען מײַנע פֿינף זין. זעסטו, דאָס איז יהודה. בּײַ אים איז געפֿאַלן דאָס דריידל אויפֿן „ג״ און ער האָט געוואונען.״

שלמהלע האָט געוואָלט רעדן מיט דעם אַלטן מתתיהו און מיט זײַנע פֿינף זין, אָבּער —ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

חבֿרים	חנוכּה	יום־טובֿ	מתתיהו	יהודה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט שלמהלע זיך געמוזט שפּילן אַליין?
2. וואָס איז געשען מיטן דריידל?
3. וואָס האָט שלמהלע געזען אין הייל?
4. פֿאַרוואָס האָט שלמהלע נישט געקענט רעדן מיטן אַלטן מאַן און מיט זײַנע פֿינף זין?



יהודה המכבי



יהודה המכבי,
דו העלד פון אַמאָל,
האָסט צעשלאָגן די שונאים,
די שונאים אָן צאָל.

דו האָסט אונדז באַפרייט
פון שונאס מאַכט.
צינדן מיר ליכטעלעך,
ליכטעלעך אַכט.

דער העלדישער אלעזר

יהודה און זײַנע ברידער האָבן געפירט אַ ביטערע מלחמה קעגן די גריכן. די גריכן האָבן געהאַט מער מענטשן. זיי האָבן געהאַט אויך בעסער געווער. די גריכן האָבן געהאַט אויך העלפאַנטן, און די ייִדן האָבן ניט געהאַט קיין העלפאַנטן פאַר דער מלחמה.

העלפאַנטן פאַר דער מלחמה? העלפאַנטן זײַנען דאָך זייער גוט און קלוג. ווי האָט מען גענוצט העלפאַנטן אין אַ מלחמה?

דעמאָלט האָט מען געשאָסן מיט פײַלן. אַ העלפאַנט האָט אַ דיקע פעל און עס איז שווער צו פאַרוואונדן אַ העלפאַנט מיט אַ פײַל. אויפן העלפאַנט זײַנען געזעסן שיסערס וואָס האָבן געקאָנט שיסן פון אויבן, פון דער הייך, אויף די ייִדן. דער העלפאַנט איז דאָך זייער שווער און האָט גרויסע, שווערע פיס. קען אַ העלפאַנט וואָס איז צעטומלט פון שלאַכט — צעטרעטן מענטשן. אַזוי האָבן די גריכן גענוצט

די העלפֿאַנטן קעגן די ייִדן. די העלפֿאַנטן זײַנען געווען אַזוי ווי איצט — טאַנקען.

איין מאָל, אין מיטן אַ שלאַכט, האָט אלעזר — יהודהס ברודער — געזען זייער אַ גרויסן און באַפּוצטן העלפֿאַנט. ער האָט געזען ווי שיסערס שיסן זיצנדיק אויפֿן העלפֿאַנט. ער האָט געמיינט אַז דער פֿירער פֿון די גריכן איז אויף דעם גרעסטן העלפֿאַנט. האָט אלעזר געטראַכט:

אָט דעם העלפֿאַנט מוז איך דערשטעכן, אַניט וועלן מיר פֿאַרלירן!

האָט אלעזר זיך דורכגעריסן דורך די רייען פֿון די גריכן. ער איז צוגעקומען צום העלפֿאַנט. ער איז דורך די קני פֿון העלפֿאַנט און האָט זײַן שווערד אַרײַנגעשטאָכן דעם העלפֿאַנט אין בויך. דער גרויסער העלפֿאַנט איז געפֿאַלן און צוזאַמען מיט אים — אַלע מענטשן וואָס זײַנען געזעסן אויף אים און האָבן געשאָסן אויף די ייִדן. אָבער ווען דער העלפֿאַנט איז געפֿאַלן — איז ער געפֿאַלן אויף אלעזרן און האָט אים צעדריקט.

יהודה המכבי האָט געוואונען די שלאַכט. אָבער זײַן העלדישער ברודער אלעזר איז אומגעקומען. אַלע האָבן געליבט דעם העלדישן אלעזר.

יהודה	מלחמה	באַפּוצט	צעדריקט	געליבט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. צו וואָס האָט מען גענוצט העלפֿאַנטן אין אַ מלחמה?
2. האָט אלעזר געוואוסט אַז דער העלפֿאַנט קען אים צעדריקן?
3. פֿאַרוואָס האָט אלעזר אויסגעקליבן דעם גרויסן און דעם באַפּוצטן העלפֿאַנט?
4. ווי האָט געהייסן אלעזרס פֿאָטער?
5. ווער האָט געזיגט אין דער מלחמה?



חנוכה־ליכט אין מאַידאַנעק

א

עס איז געווען אין דער צײַט פֿון דער גרויסער מלחמה. די נאַציס זײַנען געקומען קיין פּוילן. זיי האָבן פֿאַרטריבן אַ סך ייִדן אין לאַגער מאַידאַנעק אויף שווערער אַרבעט. אין מאַידאַנעק האָבן די נאַציס געטייט זייער, זייער אַ סך ייִדן.

איין מאָל זײַנען ייִדן געזעסן אין אַ שטאַל און גערעדט צווישן זיך:

— „עס קומט חנוכּה . . .“

— „מען דאַרף קריגן חנוכּה־ליכטלעך . . .“

— „ווען מיר זיי אָנצינדן אין דער שטיל . . .“

האָט דאָס געהערט מאָטל. ער איז אין לאַגער געווען איינער אַליין, אָן טאַטע און מאַמע. ער האָט געאַרבעט

צוזאמען מיט די גרויסע יִדן בײַ דער שווערער אַרבעט. מאָטל האָט געהערט ווי יִדן ריידן שטילערהייט וועגן חנוכה־ליכט. ער האָט זייער געוואָלט אַז מע זאָל חנוכה אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך.

— „אַז זיי וועלן כאַפּן, וועלן זיי שלאָגן“, — האָט איין יִיד געזאָגט.

— „זיי וועלן אונדז שיסן“, — האָט געזאָגט אַן אַנדער יִיד.

דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשטעלט די יִדן. זיי זײַנען געווען גרייט אויף אַלץ אַבי אָנצוצינדן חנוכה־ליכטלעך. זאָלן די נאַציס טאָן וואָס זיי ווילן!..

מען האָט געדאַרפט קריגן חנוכה־ליכטלעך. דאָס איז געווען נישט גרינג. אָבער מען האָט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן — און מען האָט באַקומען חנוכה־ליכטלעך.

ב

עס איז געקומען דער ערשטער אָוונט חנוכה. יִדן האָבן אין אַ ווינקל פון שטאַל אָנגעצונדן דאָס ערשטע ליכטל. מאָטל איז געווען דערבײַ. די גאַנצע צײַט וואָס דאָס ליכטל האָט געברענט איז ער געלאָפן פון שטאַל אין דרויסן אַרויס, צו זען צי עס גייט ניט אַ וועכטער. דאָס חנוכה־ליכטל ברענט אין ווינקל פון שטאַל און לײַכט מיט אַ וואונדערלעך ליכט. יִדן שטייען אַרום דעם ליכטל און זאָגן שטיל, שטיל אַ תפילה. מאָטלען גיפּעלט עס זייער שטאַרק. עס ציטערן אים אַלע ביינער.

דאָס ערשטע ליכטל איז אָפּגעגאַנגען גלאַט. דעם צווייטן חנוכה־אָוונט האָט מען אָנגעצונדן דאָס צווייטע חנוכה־ליכטל. אין ווינקל פון דער גרויסער טונקעלער שטאַל איז געווען יום־טוב. עס איז געווען חנוכה אין מאַידאַנעק. די נאַציס האָבן ניט געזען אויך דאָס צווייטע חנוכה־ליכטל. מאָטל האָט זיך געפרייט מיטן חנוכה־ליכטל, האָט זיך גע־

פרייט מיט דעם יום־טוב. יידן צינדן חנוכּה־ליכט די נאַ־צים אויף צו־להכעיס!..

מען האָט ניט געהאַט אין מאַידאַנעק געגוג ליכטלעך זיי צו צינדן אַזוי ווי מע פירט זיך: יעדן אָוונט אַ ליכטל מער. האָט מען דעם צווייטן חנוכּה־אָוונט געצונדן נאָר איין ליכטל און דעם דריטן חנוכּה־אָוונט אויך נאָר איין ליכטל. מיטן דריטן ליכטל איז געקומען אַן אומגליק.

ג

דאָס דריטע ליכטל האָט געהאַלטן אין מיטן ברענען. מאָטל איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אײַנקוקן זיך אויפן ברענענדיקן ליכטל. פּלוצעם איז אַרײַנגעקומען אין שטאַל אַ נאַצי.

— „זאָל אַרויסקומען דער ייִד וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל!..“ — האָט דער נאַצי געשריִען.

קיינער האָט זיך ניט גערירט. יעדער איינער האָט גע־וואוסט, אַז אַרויסטרעטן און זאָגן, „איך האָב דאָס געטאָן“, וואָלט געמיינט — דער טויט.

שרײַט דער נאַצי:

— „אויב קיינער וועט זיך ניט מודה זײַן אַליין, וועל איך אײַך אַלעמען דערשיסן“.

קיינער האָט זיך ניט גערירט, ווײַל יעדער איינער האָט געוואוסט אַז זיך מודה זײַן מיינט — דער טויט.

שרײַט ווידער דער נאַצי:

— „איר האָט דרײַ מינוט צײַט!“

איז אַרויסגעטראָטן מאָטל מיט זײַן גרויסן שוואַרצן קאָפּ און גרויסע שוואַרצע אויגן: — „דאָס האָב איך געטאָן...“ — האָט ער געזאָגט.

אַלע ייִדן האָבן זיך אַרומגעקוקט: אַזאַ העלדישער ייִנגל! אַלע זײַנען געווען פאַרזונקען אין טרויער און שרעק: דער

נאַצי וועט באַלד דערשיסן דעם העלדישן יינגל. אָבער מאָטל האָט זיך ניט געשראָקן. מאָטל האָט ווײַטער גערעדט:

— „הײַנט איז דער יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמע, צינד איך אַ ליכטל."

ייִדן האָבן געקוקט אויף דעם קליינעם מאָטל, ווי ער שטייט קעגן דעם גרויסן נאַצי. מאָטל קוקט אים גלײַך אין פּנים אַרײַן און זאָגט:

— „מײַן מאַמע איז טויט שוין אַ יאָר."

די ייִדן האָבן געקוקט אויף מאָטלען און געטראַכט: ער איז אַ העלדישער יינגל און אַ קלוגער יינגל. דער נאַצי האָט געהייסן, מען זאָל געבן מאָטלען צוואַנציק שמיץ, אָבער מען האָט מאָטלען ניט דערשאָסן. מאָטל איז געבליבן לעבן.

⁂

נאָך דער מלחמה בין איך געווען אין אַ ייִדישער שול אין פּוילן. דער לערער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ יינגל, וואָס איז געזעסן צווישן די קינדער. ער האָט צו מיר גע־זאָגט:

— „דאָס איז מאָטל פֿון מאַידאַנעק...
מאָטל מיטן חנוכּה־ליכטל..."

ער איז לעבן געבליבן, ער האָט געהערט וואָס דער לע־רער האָט מיר געזאָגט און — געשמייכלט.

אָנצינדן	תּפֿילה	זיך מודה זײַן	העלדיש	יאָרצײַט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. מיט וואָס איז מאָטל געווען אַ העלד?
2. מיט וואָס איז מאָטל געווען קלוג?
3. וואָס הייסט האָבן יאָרצײַט?
4. ווען איז געשען די גאַנצע מעשׂה?

5. פֿאַרוואָס האָט מאָטל אַזוי שטאַרק זיך געפֿרייט מיט די חנוכּה־ליכטלעך ?
6. וואָס איז געשען ווען עס האָט געברענט דאָס דריטע ליכטל?
7. ווי אַזוי האָט מאָטל געראַטעוועט די ייִדן פֿון לאַגער ?

אַ ייִדיש הויז

דער טאַטע האָט אין לעמפּעלע
געצונדן ליכטלעך אַכט,
די מאַמע האָט פֿון קיך אַרויס
די לאַטקעלעך געבראַכט.

די קינדער האָבן לאַכנדיק
די דריידלעך פֿלינק געדרייט,
און ס׳האָט דער יום־טובֿ חנוכּה
געבראַכט אַזוי פֿיל פֿרייד.

חנוכה אין תל־אָבִיב

די נאַצים האָבן געטייט זייער, זייער אַ סך ייִדן, מיליאָנען ייִדן. אָבער לייבעלעס טאַטע און מאַמע האָבן זיך געראַטעוועט. אַזוי האָבן זיי דערציילט לייבעלען, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קליינער. זיי האָבן געלעבט אין אַ לאַגער, ביז זיי האָבן געקענט קומען קיין ארץ־ישׂראל.

ווען לייבל איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל איז ער שוין געווען זיבן יאָר אַלט. ער האָט געזען זייער שיינע זאַכן ווען ער איז געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אויף דער שיף איז ער געווען זייער פריילעך. אַלע האָבן זיך מיט אים געשפּילט. די שיף האָט געבראַכט לייבלען און זיַין טאַטע־מאַמע קיין ארץ־ישׂראל.

לייבל האָט איצט געוואוינט אין דער שטאָט תל־אָבִיב. ער האָט נאָר איין וואָך געוואוינט אין דעם נייַעם לאַנד, און עס איז געקומען דער יום־טוב חנוכה. אַזאַ שיינעם יום־טוב האָט נאָך לייבל קיין מאָל נישט געזען.

בייַם ברעג ים איז געווען אויפגעשטעלט זייער, זייער אַ גרויסער און אַ הויכער חנוכה־לאָמפּ. מען האָט דעם גרויסן און הויכן חנוכה־לאָמפּ געקענט זען גאָר וויַיט. אָבער נאָך שענער איז געווען צו זען די טויזנטער, טויזנטער קינדער ווי זיי גייען מיט ליכט, מיט פאַרביקע ליכט אין די הענט. זיי גייען און זיי זינגען.

לייבל איז אַריַין צווישן די אַלע קינדער וואָס זיַינען געגאַנגען. די ליכט האָבן געפינקלט. די אויגן האָבן געפינקלט. אַלע זיַינען געווען גליקלעך און אַלע האָבן געזונגען. אַלע האָבן געזונגען דאָס שיינע ליד: עם ישׂראל חי! עם ישׂראל חי!

 לייבלס טאַטע־מאַמע האָבן אים געזאָגט: „דו זעסט, לייבל, עם ישׂראל חי — דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט!"

זיך געראַטעוועט	ארץ־ישׂראל	געפֿינקלט	עם ישׂראל חי

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס הייסט עס לעבן אין אַ לאַגער?
2. האָבן די מענטשן אויף דער שיף קיין ארץ־ישׂראל זיך געפֿרייט מיט לייבלען?
3. וואו האָט לייבל געוואוינט אין ארץ־ישׂראל?
4. ווען איז לייבל געקומען קיין ארץ־ישׂראל?
5. וואָס האָט לייבל געזען חנוכּה אין תּל־אָבֿיבֿ?
6. וואָס באַטײַטן די ווערטער: עם ישׂראל חי?

אַ מעשׂה מיט צוויי ציגן

אין ירושלים האָט געלעבט זייער אַן ערלעכער מאַן. איין מאָל האָט עמעצער פֿאַרגעסן לעבן זײַן שטוב אַ קערבל מיט צוויי הינער. דער ערלעכער מאַן האָט גענומען די הי־נער און האָט זיי געהאַלטן בײַ זיך. ער האָט געגעבן די הי־נער צו עסן און די הינער האָבן געלייגט אייער.

— „עס ניט די אייער, פֿאַרקויף ניט די אייער!"—האָט דער ערלעכער מאַן געזאָגט צו זײַן ווײַב, — „געדענק, אַז די הינער זײַנען ניט דײַנע!"

פֿון די אייער זײַנען אַרויס אַ סך הינדעלעך. די ווײַב האָט זיך געקלאָגט פֿאַרן מאַן אַז זי האָט אַ סך אַרבעט אַרום די הינער און די הינדעלעך. האָט דער ערלעכער מאַן פֿאַר־קויפֿט די הינער און די הינדעלעך און פֿאַרן געלט געקויפֿט אַ פּאָר ציגן.

— „געדענק, די ציגן זײַנען ניט אונדזערע!" — האָט ער געזאָגט זײַן ווײַב, וואָס האָט געפֿיטערט די ציגן, — „ווען עס וועט קומען דער מאַן וואָס האָט פֿאַרלאָרן די הינער, וועלן מיר אים אָפּגעבן די ציגן."

און אזוי איז טאַקע געווען. איין מאָל איז געקומען אַ מאַן און האָט געזאָגט: — „אָט דאָ האָב איך אַמאָל פֿאַרגעסן אַ קערבל מיט צוויי הינער.”

האָט דער ערלעכער מאַן פֿאַר די צוויי פֿאַרגעסענע הי־נער אָפּגעגעבן — צוויי ציגן.

ירושלים	פֿאַרגעסן	פֿאַרלירן	אָפּגעבן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. מיינט איר אַז מען קען זײַן נאָך ערלעכער?
2. פֿאַרוואָס האָט דער ערלעכער מאַן ניט געגעסן די אייער פֿון די הינער?
3. האָט ער געמעגט עסן די אייער פֿון די הינער?
4. פֿאַרוואָס האָט ער געקויפֿט ציגן?
5. האָט ער געמאָנט געלט פֿאַרן פֿיטערן די ציגן?

קען מען מאַכן אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן?

אַ מאַן איז געגאַנגען אין שטאָט פֿאַרקויפֿן זײַן אייזל. ער האָט מיטגענומען מיט זיך זײַן קליינעם זון. דער מאַן האָט געפֿירט דעם אייזל און זײַן קליינער זון איז נאָכגע־גאַנגען. טרעפֿן זיי איינעם און ער זאָגט:

— „וואָס גייט איר אַלע צו פֿוס? איינער פֿון אײַך קען דאָך רײַטן אויפֿן אייזל!”

האָט דער מאַן זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן אייזל און דער קליינער זון איז נאָכגעלאָפֿן.

טרעפֿן זיי אַ צווייטן און יענער זאָגט:

— „ניט שיין, ניט שיין! אַ גרויסער שטאַרקער מאַן רײַט אויפֿן אייזעלע און ער לאָזט זײַן זון נאָכלויפֿן.”

איז דער פֿאָטער אַראָפּ פֿון אייזל און האָט אויפֿן אייזל אַוועקגעזעצט דעם זון, און אַליין איז ער נאָכגעגאַנגען.

טרעפֿן זיי אַ דריטן און ער זאָגט:

— „ניט שיין! ניט שיין! אַ קליין יינגל מיט פֿלינקע פֿיס רײַט אויף אַן אייזל און לאָזט זײַן אַלטן פֿאָטער גיין צו פֿוס."

האָבן דער פֿאָטער און דער זון זיך ביידע געזעצט רײַטן אויפֿן אייזל. טרעפֿן זיי אַ פֿערטן און ער זאָגט:

— „ניט שיין, ניט שיין! ביידע רײַט איר אויף אַ קליין שוואַך אייזעלע! האָט איר גאָר קיין רחמנות ניט?"

זײַנען דער פֿאָטער און דער זון אַראָפּ פֿון אייזל און זיי האָבן געטראַכט: ווי קען מען מאַכן אַז אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן? האָבן זיי ביידע גענומען דעם אייזל אויף די פּלייצעס און אים געטראָגן אין שטאָט אַרײַן.

רחמנות	אַוועקגעזעצט	נאָכצוגיין	דער אייזל

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. צו וואָס איז דער מאַן געגאַנגען אין שטאָט?
2. וואָס האָט געזאָגט דער ערשטער מענטש וואָס זיי האָבן באַגעגנט?
3. וואָס האָט דער פֿאָטער געטאָן?
4. וואָס האָט געזאָגט דער צווייטער מענטש וואָס זיי האָבן באַגעגנט?
5. וואָס האָט געזאָגט דער דריטער מענטש וואָס זיי האָבן באַגעגנט?
6. וואָס האָבן זיי געטאָן?
7. וואָס האָט געזאָגט דער פֿערטער מענטש וואָס זיי האָבן באַגעגנט?
8. וואָס האָבן זיי געטאָן דערנאָך?
9. קען מען מאַכן אַז אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן?

לעמעד גייט עפּעס קויפן

די מאַמע האָט געשיקט לעמעכן אין קראָם עפּעס קויפן.

— „געדענק", — האָט אים די מאַמע אָנגעזאָגט, — „זאָלסט ניט פֿאַרלירן דעם דאָלאַר וואָס איך גיב דיר."

— „איך וועל ניט פֿאַרלירן, מאַמע", — האָט לעמעך געזאָגט. — „וואָס מיינסטו, איך בין אַ נאַר ?"

כּדי ניט צו פֿאַרלירן דעם דאָלאַר האָט לעמעך אים נישט אַרײַנגעלייגט אין קעשענע, נאָר געהאַלטן אין האַנט. אַז איך וועל קוקן אויפֿן דאָלאַר, האָט לעמעך געטראַכט, וועל איך אים ניט פֿאַרלירן.

אָבער עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ווינט און האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם דאָלאַר פֿון לעמעכס האַנט און אַוועקגע־בלאָזן אים ווײַט־ווײַט. וואָס האָט לעמעך געקענט טאָן ? ער איז געקומען אַהיים און דערציילט אַז דער ווינט האָט צו־געכאַפּט בײַ אים דעם דאָלאַר.

די מאַמע האָט געגעבן לעמעכן אַן אַנדער דאָלאַר און געהייסן אים אַרײַנלייגן דעם דאָלאַר אין קעשענע, און זי האָט געזאָגט, ער זאָל דעם דאָלאַר קיינעם נישט געבן. קומט לעמעך אַרײַן אין קראָם און בעט דאָרטן וואָס די מאַמע דאַרף האָבן. גיט אים דער קרעמער אַלע זאַכן און בעט בײַ אים געלט. זאָגט לעמעך:

— „די מאַמע האָט געהייסן קיינעם דאָס געלט ניט געבן."

קוקט אים אָן דער קרעמער און זאָגט: — „אַז דו וועסט מיר ניט געבן קיין געלט, וועל איך בײַ דיר צונעמען די זאַכן וואָס איך האָב דיר געגעבן."

זאָגט לעמעך: — „איר קענט צונעמען, אָבער דאָס געלט וועל איך אײַך נישט געבן, ווײַל די מאַמע האָט געהייסן, איך זאָל קיינעם דאָס געלט נישט געבן".

זאָגט דער קרעמער: — „ווי רופֿט מען דיך, יִנגעלע?"

— „לעמעך".

— „עס פּאַסט דיר דער נאָמען", — האָט דער קרעמער זיך צעלאַכט, — „דו ביסט טאַקע אַ לעמעך."

— „אָבער איך וועל אײַך קיין געלט ניט געבן!" — האָט לעמעך געזאָגט, און איז אַרויס פֿון קראָם.

קומט לעמעך אַהיים. פֿרעגט אים די מאַמע: — „נו, לעמעך, וואו זײַנען די זאַכן וואָס דו האָסט געדאַרפֿט קויפֿן אין קראָם?"

זאָגט לעמעך: — „דער קרעמער האָט בײַ מיר געבעטן געלט, אָבער דו האָסט געזאָגט, אַז דעם דאָלאַר זאָל איך קיינעם נישט געבן. האָב איך אים נישט געגעבן. אָט, זע, אָט האָסטו דעם דאָלאַר."

האָט די מאַמע געשריִען: — „לעמעך, לעמעך! איך האָב ניט געמיינט דעם קרעמער, נאָר אַ מענטשן פֿון גאַס

וואָס דו קענסט נישט און ווייסט נישט. דער קרעמער גיט דיר זאַכן — דאַרפסטו אים באַצאָלן."

— „איצטער וועל איך שוין וויסן", — האָט לעמער געזאָגט. — „שיק מיך ווידער אין קראָם."

אָבער די מאַמע האָט זיך שוין מער ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף איר לעמעלן און איז אַליין אַוועק אין קראָם.

כּדי	אַרײַנגעלייגט	צוגעכאַפּט	זיך פאַרלאָזן

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם ערשטן דאָלאַר וואָס די מאַמע האָט געגעבן לעמעכן ?
2. וואָס האָט די מאַמע אָנגעזאָגט לעמעכן ?
3. וואָס האָט לעמער געבראַכט פון קראָם ווען ער איז געגאַנגען דאָס צווייטע מאָל ?
4. ווייס לעמער וואָס דאָס הייסט קויפן ?
5. קענט איר אויסטראַכטן נאָך מעשׂיות ווי לעמער גייט עפּעס קויפן ?

ווי לעמער האָט געפונען נאָך אַ לעמער

לעמער גייט אַמאָל אין וואַלד. ער קלײַבט זיסע, געשמאַקע יאַגדעס און לייגט זיי גלײַך אין מויל אַרײַן. ס'איז אים זייער גוט, און ער טראַכט: איך וועל בלײַבן דאָ אין וואַלד, וועט מיך קיינער ניט רופן „לעמער". שרײַט ער אויס איבערן גאַנצן וואַלד:

— „איך וועל בלײַבן דאָ!"

ענטפערט מען אים באַלד פון וואַלד:

— „איך וועל בלײַבן דאָ!"

פרעגט שוין לעמער: — „ווער ביסטו?"

ענטפערט מען אים פון וואַלד: — „ווער ביסטו?"

וואונדערט זיך לעמעך און שרײַט: — „איז דאָ נאָך א לעמעך?"

ענטפערט מען אים באַלד:—„איז דאָ נאָך א לעמעך?"

זאָגט לעמעך: — „אַז דו ביסט אויך לעמעך, טאָ קום אַהער, לאָמיך דיך זען."

ענטפערט מען אים: — „אַז דו ביסט אויך לעמעך, טאָ קום אַהער, לאָמיך דיך זען."

זאָגט לעמעך: „קום דו אַהער."

ענטפערט מען אים: — „קום דו אַהער!"

ווערט לעמעך אין כעס און זאָגט: — „איך בין דער ערשטער לעמעך, מוזסטו קומען צו מיר!"

זאָגט מען אים: — „איך בין דער ערשטער לעמעך, מוזסטו קומען צו מיר!"

זאָגט לעמעך: — „ביסט אַ ליגנער!"

ענטפערט מען אים: — „ביסט אַ ליגנער!"

אַזוי האָט לעמעך געקריגט זיך און געשריען ביז ער איז געוואָרן מיד. און אַז ער איז מיד געוואָרן האָט ער געזאָגט: — „נו, לעמעך, גענוג געקריגט זיך, לאָמיר ווערן חבר!"

ענטפערט מען אים: — „לאָמיר ווערן חבר!"

זאָגט לעמעך: — „איך גיי צו דיר!"

זאָגט מען אים: — „איך גיי צו דיר!"

איז לעמעך אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער האָט באַגעגנט זײַן מאַמען וואָס איז אים געקומען זוכן. פרעגט לעמעך: — „מאַמע, האָסט אפשר געזען דעם אַנדערן לעמעך?"

פרעגט די מאַמע: — „וואָס פאַר אַן אַנדער לעמעך?"

דערציילט איר לעמעך די גאַנצע מעשה וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן אין וואַלד. צעלאַכט זיך די מאַמע און זאָגט:

— „נאָך אַזאַ לעמעך ווי דו, מײַן זון, איז גאָר ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט!"

יאַגדעס	חבר	אפשר	מעשה

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט לעמעך געטאָן אין וואַלד?
2. ווער האָט לעמעכן געענטפערט די גאַנצע צײַט?
3. וואָס האָט לעמעכס מאַמע געטאָן אין וואַלד?
4. קענט איר אויסטראַכטן נאָך אַ מעשה מיט לעמעכן?

אַ פ י י ג ע ל ע

איין מאָל אין אַ פֿרײַטיק זײַנען מיר געגאַנגען אַהיים עטלעכע ייִנגלעך מיט אַ מאָל. געגאַנגען זײַנען מיר גיך, ווײַל מיר זײַנען געווען הונגעריק.

פּלוצעם האָט איינער פֿון אונדז אויסגעשריגן: — „אוי, אַ פֿייגעלע!" — און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

אַ קליין, יונג פֿייגעלע איז געזעסן אויף דער ערד מיטן קעפּעלע אַרויף.

דאָס פֿייגעלע האָט געציטערט, געמאַכט מיט די פֿליגעלעך, געעפֿנט אַלע מאָל דאָס געלע שנעבעלע ווי אַ קליין קינד וואָס וויל עסן.

און עס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט בײַ אונדז אַ געפֿיל פֿון רחמנות, און מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן: וואָס טוט מען מיטן פֿייגעלע? יאָסל האָט געזאָגט: מע דאַרף עס לאָזן זיצן אויף דער ערד, ביז דעם פֿייגעלעס מאַמע וועט קומען. דוד האָט געגעבן אַן עצה, מע זאָל עס געבן אַ וואָרף אין

דער הייך ווערט עס אַוועקפּליען, און הערשל האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף דאָס נעמען אַהיים.

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פֿייגעלע אַהיים, פֿאַרגעסן אַז מיר זײַנען הונגעריק, געגעבן דעם פֿייגעלע וואַסער און — דאָס פֿייגעלע האָט אַזוי לאַנג געציטערט, געפֿינטלט מיט די אייגעלעך, געטרייסלט זיך און געפֿלאַטערט בײַ אונדז אין די הענט, ביז עס האָט פֿאַרוואָרפֿן דאָס קעפּעלע אויף אַ זײַט, די אייגעלעך פֿאַרמאַכט און . . . ס'איז געווען טויט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר אויסגעגראָבן אין גאָרטן אַ טיף גריבעלע, אַרײַנגעלייגט דאָס פֿייגעלע אין גריבעלע, פֿאַרשאָטן מיט זאַמד און געשטעלט דערויף אַ צאַם — אַ ברעטעלע מיט אַן אויפֿשריפֿט: — „דאָ ליגט דאָס קליינע פֿייגעלע.״

און אָנגעשריבן אַלע נעמען פֿון די וואָס זײַנען דערבײַ געווען: בערל, יאָסל, דוד, הערשל . . .

רחמנות	עצה	געציטערט	געפּלאַטערט

אויסגעגראָבן	אַרײַנגעלייגט

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. האָבן די קינדער רחמנות געהאַט אויף דעם פֿייגעלע?
2. פֿאַרוואָס האָט מען געדאַרפֿט רחמנות האָבן אויף דעם פֿייגעלע?
3. וואָס האָבן די קינדער געטאָן צו העלפֿן דעם פֿייגעלע?
4. וואָס האָבן זיי געטאָן, ווען דאָס פֿייגעלע איז שוין געווען טויט?

אַ מעשׂה מיט אַ חומש

אַמאָל האָט געלעבט אַ ייִד וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט. האָט ער און זײַן ווײַב געבעטן גאָט, זיי זאָלן כאָטש האָבן איין איינציק קינד. ערשט אויף דער עלטער האָט דער ייִד געהאַט אַ זון. האָט ער זיך זייער געפֿרייט מיט זײַן קינד. צו דרײַ יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען דאָס קינד לייענען. צו פֿינף יאָר האָט ער אָנגעהויבן מיט אים צו לערנען חומש. דער ייִנגל האָט זייער ליב געהאַט צו לערנען חומש און געקענט חומש בעסער ווי אַלע זײַנע חבֿרים.

איין מאָל איז געשען אַן אומגליק. דער ייִנגל מיטן חומש אונטערן אָרעם איז געגאַנגען זיך לערנען. האָט אים אַ בײַזער רײַטער צוגעכאַפּט און אַוועקגעפֿירט. דער ייִנגל איז פֿאַרשוואונדן. טאַטע־מאַמע האָבן געקלאָגט און געוויינט און האָבן אומעטום געזוכט זייער קינד.

⁂

דער מענטש וואָס האָט געכאַפּט דאָס קינד איז געווען אַ רײַכער מאַן. ער האָט דאָס קינד אַוועקגעשאָנקען צו נאָך

אַ רײַכערן מאַן. דער גאַר רײַכער מאַן האָט געזען ווי שיין און קלוג עס איז דאָס ייִדישע קינד און ער האָט געזאָגט:
— „איך וועל דאָס קינד האַלטן בײַ זיך.“
דעם חומש האָט ער צוגענומען פֿון דעם קינד און אַוועקגעשטעלט צווישן זײַנע אַנדערע ביכער. דער ייִדישער ייִנגל האָט זיך נישט געוואָלט טרייסטן מיטן גוטן לעבן בײַם רײַכן מאַן. ער האָט שטענדיק געבעטן גאָט: — „ברענג מיך צוריק צו מײַן טאַטן און צו מײַן מאַמען.“
דער ייִנגל האָט אויך געבענקט נאָך זײַן חומש, וואָס מען האָט צוגענומען פֿון אים.

*****

דער קיניג פֿון לאַנד איז קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי אים צו היילן. האָט דער קיניג געהייסן אַלע רײַכע מענטשן: — „ברענגט אײַערע ביכער וואו עס זײַנען פֿאַרשריבן מיטלען ווי צו היילן.“
האָט דער רײַכער מאַן געזוכט צווישן זײַנע ביכער. האָט ער אויך דערזען דעם חומש. ער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז פֿאַר אַ בוך. האָט ער געטראַכט: אפֿשר איז דאָס אַ בוך מיט מיטלען ווי צו היילן. האָט ער דעם חומש געבראַכט דעם קיניג. ווען די דאָקטוירים האָבן גענומען דעם חומש אין האַנט, האָבן זיי אים נישט געקענט לייענען. האָט איינער פֿון די קלוגע לײַט בײַם קיניג געזאָגט:
— „דאָס איז אַ ייִדיש בוך. מען דאַרף ברענגען אַ ייִדן וואָס זאָל לייענען פֿון אים. אפֿשר איז דאָרטן דאָ אַ מיטל צו היילן דעם קיניג.“ האָט דער רײַכער מאַן געזאָגט:
— „בײַ מיר איז דאָ אַ ייִדיש ייִנגעלע. קען זײַן אַז ער קען לייענען אָט דאָס בוך.“
מען האָט דעם ייִנגל געבראַכט פֿאַרן קיניג און אים געגעבן דעם חומש.

— „עס איז דאָך מײַן חומש!" — האָט דער יינגל אויס־געשריִען, און ער האָט זיך צעוויינט.

— „פאַרוואָס וויינסטו, יינגעלע?" — האָט דער קיניג געפרעגט.

און דער יינגל האָט דערציילט: — „דאָס איז מײַן חומש. ווען איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט דער טאַטע מיר געקויפט אָט דעם חומש צו לערנען פון אים."

און דער יינגל האָט דערציילט אַלץ וואָס מיט אים האָט געטראָפן. און דער יינגל האָט געלייענט דעם חומש און פאַרטײַטשט אַלע ווערטער פאַרן קיניג און פאַר אַלע לײַט וואָס זײַנען געווען אין קיניגס הויף.

און ווען דער קיניג האָט געהערט וואָס עס איז פאַראַן אין חומש, איז אים געוואָרן אַלץ בעסער און בעסער, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

— „זאָג מיר, קלוג קינד, מיט וואָס זאָל איך דיר באַ־צאָלן פאַרן אויסהיילן מיך?" — האָט דער קיניג געפרעגט.

— „קיין זאַך וויל איך ניט", — האָט דער יינגל געזאָגט, — „זאָל דער קיניג מיך אָפּשיקן צוריק צו מײַן טאַטע־מאַמע."

***

דער קיניג האָט געהייסן ברענגען דעם יינגל צוריק צו טאַטע־מאַמע.

האָבן טאַטע־מאַמע אַ גרויסע שמחה געמאַכט. אַלע האָבן געקוואָלן און געלאַכט. מען האָט געטאַנצט און גע־זונגען. מיט דער מעשה האָט די וועלט געקלונגען.

מעשה	פאַרשוואונדן	היילן	שמחה

פ ר אַ ג ע ס:

1. ווען האָט דער ייִנגל אָנגעהויבן צו לייענען? ווען האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען חומש?

2. פֿאַרוואָס — מיינט איר — האָט ער ליב געהאַט צו לערנען חומש?

3. ווי אַזוי איז דער ייִנגל פֿאַרשוואונדן פֿון דער היים?

4. וואָס איז געשען מיט זײַן חומש?

5. ווי אַזוי איז דעם ייִנגלס חומש געקומען צום קיניג?

6. ווי אַזוי איז דער ייִנגל געקומען צום קיניג?

7. ווי אַזוי איז דער קיניג געזונט געוואָרן?

8. ווי אַזוי איז דער ייִנגל געקומען צו טאַטע־מאַמע?

וויל ניט צו פֿיל

אַ פֿאָטער האָט געבראַכט זײַנע קינדער ניס אויף פּסח. ער האָט אָבער די ניס אַרײַנגעלייגט אין אַ קרוג, און דאָס העלדזל פֿון קרוג איז געווען שמאָל. האָט איין ייִנגל אַרײַנגעלייגט זײַן האַנט אין קרוג, גענומען צוויי ניס און זיי אַרויסגענומען. דער צווייטער ייִנגל האָט אָבער גענומען אַ פֿולן הויפֿן ניס. האָט ער נישט געקענט אַרויסנעמען די האַנט פֿון קרוג. האָט ער גענומען רופֿן דעם פֿאָטער און האָט געשריִען:

— „דער קרוג לאָזט ניט אַרויס מײַן האַנט.“

דער פֿאָטער האָט זיך צעלאַכט און האָט געזאָגט:

— „לאָז אַרויס פֿון האַנט אַ העלפֿט פֿון די ניס, וועסטו קענען די האַנט אַרויסנעמען פֿון קרוג. דו ווילסט ניט צו פֿיל מיט איין מאָל.“

שנײ, שנײ

שנײ, שנײ, װײַסער שנײ!
כ'האָב אויף דיר אַ יאָר געוואַרט.
קום זשע הײַנט און מיך דערפֿרײ,
זײַ נישט אַזוי אײַנגעשפּאַרט!

כ'האָב אַ שליטן אָנגעגרייט,
הענטשקעס וואַרעמע אַ פּאָר,
פֿאַל אויף גאַסן, פֿאַל אויף פּלויט,
פֿאַל אויף מײַנע בלאָנדע האָר!

האָט דער שנײ זיך צוגעהערט,
איז געקומען הײַנט בײַנאַכט.
אין דער פֿרי איז װײַס די ערד,
װײַס דער בוים און װײַס דער דאַך.

דערפֿרייען	אײַנגעשפּאַרט	הענטשקעס

טראַכט צו אַ מעשה צו דעם בילד.

דערציי̆ל אַ מעשׂה: מיר מאַכן אַ שניי-מענטש.

ווער קען צוטראַכטן אַ מעשׂה צו דעם בילד?



שניי־טײַבעלעך

שניי און שניי און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך, טײַבעלעך,
פֿליִען, פֿליִען, זעצן זיך
אויף דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט אַ ווײַסינקע,
פֿול באַזעצט מיט טײַבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
פֿרישינקע ווי קעלט.

גיי איך — שפּרינגען טײַבעלעך,
לויף איך — פֿליִען טײַבעלעך.
שניי און שניי און שנייעלעך —
מיך פֿאַרדרייען זיי.

אוי, אַ שאָד צו רירן זיי!
אוי, אַ שאָד צעטרײַבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך נישט,
ס'טוט מיר האַרציק וויי.

מע טאָר ניט צעטרעטן דעם שניי

עס איז געווען אַ שטאָט וואו אַלע זײַנען געווען זייער נאַרישע מענטשן. די שטאָט האָט געהייסן כעלעם. די אײַנוואוינערס פֿון כעלעם האָבן זייער ליב געהאַט דעם ווינטער, ווײַל ווינטער פֿאַלט אַ שניי. דער שניי פֿאַרדעקט די הײַזער און די גאַסן. ווערן די גאַסן און די הײַזער ריין, ווײַס — און גאַנץ כעלעם ווערט זייער שיין.

די אײַנוואוינערס פֿון כעלעם האָבן דעם גאַנצן האַרבסט געוואַרט אויף ווינטער און אויפֿן ערשטן שניי. זיי האָבן לאַנג געוואַרט, ביז זיי האָבן זיך דערוואַרט!

אַ ווײַסער שניי האָט באַדעקט די גאַסן און איז געווען ריין און קלאָר ווי זילבער. די כעלעמער זײַנען געווען זייער צופֿרידן. עס איז זיי געווען אַ שאָד צו צעטרעטן דעם ווײַסן שניי מיט די פֿיס. האָבן זיך אָנגעזעצט די אײַנוואוינערס פֿון כעלעם און גענומען טראַכטן וואָס זאָל מען טאָן, מע זאָל דעם שניי ניט דאַרפֿן צעטרעטן מיט די פֿיס.

זיבן שעה און זיבן מינוט האָבן זיי געטראַכט, ביז וואַנעט זיי האָבן געפֿונען אַ גוטן פּלאַן: זאָל איינער גיין איבער די גאַסן און אָנזאָגן אין אַלע הײַזער:

— „קיינער טאָר ניט אַרויסגיין פֿון שטוב."

האָט איינער אַ כעלעמער געזאָגט: — „אָבער דער וואָס וועט גיין איבער די גאַסן וועט דאָך צעטרעטן דעם שניי."

וואָס טוט מען? האָבן אַלע כעלעמער באַשלאָסן: — „דער וואָס וועט אָנזאָגן אַז מען טאָר ניט אַרויס פֿון שטוב — זאָל אויך ניט גיין! פֿיר מענטשן זאָלן אים טראָגן אויף די הענט!"

אײַנוואוינער	זיך דערוואַרטן	באַשליסן	האָבן באַשלאָסן

פראגעס:

1. ווי האָט געהייסן די שטאָט מיט די קלוגע אײַנוואוינערס?
2. פאַרוואָס האָבן די כעלעמער אַזוי ליב געהאַט דעם ווײַסן שניי?
3. וואָס האָבן זיי באַשלאָסן כדי קיינער זאָל ניט צעטרעטן דעם שניי?
4. וואָס האָט געזאָגט איינער פון די כעלעמער?
5. וואָס האָבן זיי גאָר צום סוף באַשלאָסן?
6. האָט איר געהערט נאָך מעשׂיות וועגן כעלעם? דערציילט אַ כעלעמער מעשׂה.

פאַרשעם ניט דײַן חבֿר

יאָסעלע האָט זיך זייער גוט געלערנט. ער איז געווען גוט און קלוג. ער איז אָבער געווען אַ הינקעדיקער. ווען ער איז געווען אַ קליין קינד איז ער געווען זייער שטאַרק קראַנק. ער איז געזונט געוואָרן, אָבער געבליבן אַ הינקעדיקער. אין שול האָבן די קינדער ליב געהאַט יאָסעלען, ווײַל ער האָט אַלע מאָל געהאָלפן זײַנע חבֿרים.

אין שול איז אָנגעקומען אַ נײַער ייִנגל. ער איז געווען דער גרעסטער און שטאַרקסטער. איז ער גיך געוואָרן דער אָנפירער בײַ אַלע שפּילן. איין מאָל זײַנען די קינדער אַרויס זיך שפּילן אין הויף. יאָסעלע האָט זיך געשפּילט צוזאַמען מיט אַלע חבֿרים. אָבער דער נײַער ייִנגל, שלמה האָט ער געהייסן, האָט געזאָגט יאָסעלען: — „דו גיי אַוועק אין אַ זײַט, דו קענסט זיך מיט אונדז ניט שפּילן, דו קענסט ניט לויפן."

יאָסעלעס שטענדיקער חבֿר דוד האָט געזאָגט: — „אַלע מאָל שפּילט זיך יאָסעלע מיט אונדז. לאָז אים זיך שפּילן מיט אונדז."

אָבער שלמה האָט געשריִען: — „ניין, ער דאַרף זיך מיט אונדז ניט שפּילן. ער וועט אונדז שטערן אין דער שפּיל."

יאָסעלע האָט זיך צעוויינט. דערווײַל איז אָנגעקומען דער לערער און געפֿרעגט:

— „יאָסעלע, פֿאַרוואָס וויינסטו?"

האָט אים יאָסעלע ניט געענטפֿערט; אָבער דוד האָט געזאָגט:

— „שלמה לאָזט אים ניט זיך שפּילן מיט אונדז."

— „פֿאַרוואָס?" — האָט דער לערער געפֿרעגט. קיינער האָט ניט געענטפֿערט, אָבער דער לערער האָט פֿאַרשטאַנען. ער האָט צוגערופֿן שלמהן און געזאָגט:

— „פֿאַרשעמען אַ חבֿר איז זייער אַ גרויסע זינד."

שלמה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער איז צוגעגאַנגען צו יאָסעלען, אים געגעבן די האַנט און אים געזאָגט:

— „זײַ מיר מוחל, יאָסעלע."

פֿון דעמאָלט אָן זײַנען שלמה און יאָסעלע געוואָרן זייער גוטע חבֿרים. יאָסעלע האָט ווידער זיך געשפּילט מיט אַלע קינדער, ווי פֿריִער.

חבֿר	חבֿרים	שלמה	פֿאַרשעמען

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס האָט יאָסעלע זיך צעוויינט?
2. מיינט איר אַז יאָסעלע האָט מוחל געווען שלמהן?
3. וואָס האָט דער לערער געזאָגט?
4. האָבן די קינדער ליב געהאַט יאָסעלען?
5. קענט איר צוטראַכטן אַן ענלעכע מעשה?

דער האָלצהעקער און די זשאַבע

א

אַמאָל האָט אַן אָרעמער האָלצהעקער געהאַקט האָלץ לעבן אַ טײַך. די האַק איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן טײַך און האָט גענומען קלאָגן און וויינען. ער האָט ניט געהאַט קיין געלט מיט וואָס צו קויפֿן אַ צווייטע האַק.

ווי ער זיצט אַזוי, רוקט אַרויס אַ גרויסע זשאַבע איר קאָפּ פֿון וואַסער און פֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס וויינסטו?"

— „מײַן האַק איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער און איך האָב ניט מיט וואָס צו קויפֿן אַן אַנדערע."

די זשאַבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ ווײַל אַרום איז זי אַרויף מיט אַ גאָלדענער האַק.

— „איז דאָס דײַן האַק?" — האָט זי אים געפֿרעגט.

— „ניין," — האָט דער האָלצהעקער געענטפֿערט.

די זשאַבע האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ ווײַל אַרום איז זי אַרויף מיט אַ זילבערנער האַק.

— „איז דאָס דײַן האַק?" — האָט זי אים געפֿרעגט.

— „ניין," — האָט דער האָלצהעקער געענטפֿערט.

צום דריטן מאָל האָט די זשאַבע זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ ווײַל אַרום איז זי אַרויף מיט אַ האַק פֿון אײַזן און האָלץ.

— „איז דאָס דײַן האַק?"

— „יאָ," — האָט דער האָלצהעקער געענטפֿערט.

האָט געזאָגט די זשאַבע: — „ווײַל דו האָסט ניט געוואָלט צונעמען קיין פֿרעמדע האַק, שענק איך דיר אַלע דרײַ העק."

דער האָלצהעקער האָט גענומען די דרײַ העק און איז

אַוועק אַהיים. ער האָט אַלעמען דערציילט וואָס מיט אים האָט געטראָפֿן.

ב

א האַלצהעקער, אַ שכן, האָט דאָס דערהערט, איז ער אויף גיך אַוועק צום טײַך און האָט אַרײַנגעוואָרפֿן זײַן פֿראָסטע האַק אין וואַסער. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַם ברעג און האָט גענומען וויינען.

האָט זיך באַוויזן די זעלביקע זשאַבע און געפֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס וויינסטו?"

— „מײַן האַק איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער און איך קען זי ניט אַרויסנעמען," — האָט דער שכן געענטפֿערט.

די זשאַבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ ווײַל אַרום איז זי אַרויף מיט אַ גאָלדענער האַק.

— „איז דאָס דײַן האַק?" — האָט זי אים געפֿרעגט.

— „יאָ", — האָט ער געענטפֿערט.

ווען די זשאַבע האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און איז שוין מער ניט אַרויף צוריק.

אַרויסגעפֿאַלן	אַרײַנגעפֿאַלן	שכן	זיך אַראָפּגעלאָזט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט דער האָלצהעקער געוויינט?
2. וואָסער האַק האָט די זשאַבע געבראַכט צום ערשטן מאָל?
3. מיט וואָסער האַק איז די זשאַבע אַרויף צום דריטן מאָל?
4. וואָס האָט געטאָן דעם האָלצהעקערס שכן?
5. פֿאַרוואָס האָט די זשאַבע ניט געבראַכט קיין האַק דעם שכן?

די גוטע רבֿקה

אַבֿרהמס דינער איז געפֿאָרן זוכן אַ ווײַב פֿאַר אַבֿרהמס זון, פֿאַר יצחקן. איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָט וואו אַבֿרהם איז געבוירן געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם ברונעם, ווען אַלע מיידלעך פֿון שטאָט גייען אַרויס שעפּן וואַסער.

זעט אַבֿרהמס דינער ווי אַ קינד פֿאַלט און צעקלאַפּט זיך אַ פֿיסל. און דאָס קינד האָט זייער געוויינט. אָבער קיין איין מיידל האָט זיך ניט אומגעקוקט אויפֿן קינד. און אָט קומט איינע, די שענסטע צווישן די מיידלעך, און זי זעט דאָס וויינענדיקע קינד. זי איז באַלד צוגעלאָפֿן צום קינד און געפֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס וויינסטו?"

האָט דאָס קינד געוויזן דאָס פֿאַרבלוטיקטע פֿיסל. די מיידל האָט גלײַך אָנגעשעפּט וואַסער און אָפּגעווישט דאָס בלוט פֿון קינדס פֿיסל. זי האָט דערנאָך גענומען דאָס טיכל פֿון קאָפּ און פֿאַרבונדן די וואונד. דאָס קינד האָט אויפֿגע־הערט וויינען און געשמייכלט צו דער גוטער מיידל.

דערווײַל איז אָנגעקומען אַן אַלטע, בלינדע פֿרוי, וואָס טאַפּט מיטן שטעקן דעם וועג און קען אים נישט געפֿינען. און די מיידל איז צוגעלאָפֿן צו דער בלינדער פֿרוי און גע־פֿרעגט:

— „וואוהין גייסטו, באָבינקע? איך וועל דיך פֿירן." — און די מיידל האָט אָפּגעפֿירט די אַלטע בלינדע פֿרוי אַהיים. דערנאָך איז זי געקומען צוריק צום ברונעם אַ מידע און זיך געזעצט אָפּרוען.

ווען זי זיצט אַזוי, זעט זי אַבֿרהמס דינער וואָס איז געווען פֿאַרמאַטערט פֿון וועג. איז זי צוגעגאַנגען צו אים און גע־זאָגט:

—„איך ווייס אַז דו ביסט דאָ אַ פֿרעמדער און דו ביסט געקומען פֿון אַ ווײַטן וועג. ביסט אַוודאי זייער דאָרשטיק."

ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער, האָט די גוטע מיידל אָנגעשעפּט וואַסער פֿאַר אַבֿרהמס דינער, פֿאַר די מענטשן וואָס זײַנען געווען מיט אים און פֿאַר זייערע קעמלען. און אַבֿרהמס דינער האָט געטראַכט: אַזאַ גוטע און טײַערע מיידל איז ווערט צו זײַן די פֿרוי פֿון אַבֿרהמס זון.

אַבֿרהם	דער ברונעם	פֿאַרמאַטערט	אָנשעפּן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט אַבֿרהמס דינער אויסגעקליבן רבֿקהן?
2. ווי האָט רבֿקה געהאָלפֿן דעם קינד?
3. ווי האָט רבֿקה געהאָלפֿן דער בלינדער פֿרוי?
4. ווי האָט רבֿקה געהאָלפֿן אַבֿרהמס דינער?

אַבֿרהם רייזען און דער פֿאַרקויפֿער פֿון צײַטונגען

אַבֿרהם רייזען האָט זייער ליב געהאַט צו קומען אין ייִדישע שולן. אַבֿרהם רייזען האָט ליב געהאַט צו זען ווי קינדער פֿירן דורך שׂמחות אין שול.

איין מאָל איז אַבֿרהם רייזען געווען אין אַ ייִדישער שול. עס איז גראָד געווען אַ קאַלטער אָוונט. די שׂמחה האָט זיך שפּעט געענדיקט.

ווען די שׂמחה האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט דער לערער פֿון דער שול געפֿירט דעם ליבן גאַסט צו דעם אָרט וואו עס שטעלט זיך אָפּ דער באַס. עס איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. אָט קומט שוין אָן דער באַס. אָבער אַבֿרהם רייזען

דערזעט אַ יינגל וואָס פֿאַרקויפֿט צײַטונגען. דער יינגל ציטערט פֿון קעלט.

אַבֿרהם רייזען האָט צוגערופֿן מיטן פֿינגער דעם יינגל צו זיך. דער יינגל האָט דערלאַנגט אַבֿרהם רייזענען אַ צײַטונג.

— „ניין, ניט איין צײַטונג," — האָט דער גרויסער שרײַבער געזאָגט, — „גיב מיר אַלע דײַנע צײַטונגען".

— „אַלע ?" — האָט דער יינגל זיך געוואונדערט.

— „צייל זיי אַלע איבער און גיב מיר."

דער יינגל האָט אויסגעציילט דרײַסיק צײַטונגען. אַבֿרהם רייזען האָט אים באַצאָלט פֿאַר אַלע צײַטונגען און דער יינגל איז אַ פֿריילעכער געלאָפֿן אַהיים.

מיטן פּעקל צײַטונגען אונטערן אָרעם און מיט אַ ליבן שמייכל אויפֿן פּנים האָט אַבֿרהם רייזען זיך געשטעלט וואַרטן אויפֿן צווייטן באַס.

שמחות	ציטערן	אויסגעציילט	פּנים

פֿראַגעס:

1. ווער איז געווען אַבֿרהם רייזען ?
2. פֿאַרוואָס האָט אַבֿרהם רייזען אָפּגעקויפֿט אַלע צײַטונגען?
3. ווען האָט פּאַסירט די מעשׂה ?
4. ווי אַזוי האָט דער לערער געוואוסט וועגן דער מעשׂה ?

דאָס רעדט דער טאַטע

אַ קינד האָט איין מאָל נישט געוואָלט גיין אין שול. האָט דאָס קינד טעלעפֿאָנירט אין שול אַרײַן:

— „מײַן קינד קען הײַנט ניט גיין אין שול." — פֿרעגט מען פֿון דער שול: — „ווער רעדט דאָס ?" — ענטפֿערט דאָס קינד: — „דאָס רעדט מײַן טאַטע."

דער ווילן צום לערנען

הלל האָט זייער שטאַרק געוואָלט זיך לערנען. געלעבט האָט הלל פֿון דעם וואָס ער האָט געהאַקט האָלץ. דאָס האָלץ פֿלעגט ער פֿאַרקויפֿן און אַ טייל פֿון דעם געלט האָט ער אַוועקגעגעבן דעם היטער פֿון דער שול, ער זאָל אים אַרײַנלאָזן הערן ווי מע לערנט. דאָס איבעריקע געלט האָט הלל גענוצט אויף צום לעבן פֿאַר זיך און זײַן משפּחה.

אַמאָל, ווינטער, האָט געטראָפֿן אַז דער וואַלד איז געווען פֿאַרשנייט. האָט הלל ניט געקענט גיין האַקן האָלץ. האָט הלל קיין זאַך נישט פֿאַרדינט. האָט ער ניט געהאַט קיין געלט צו געבן דעם היטער פֿון דער שול. האָט אים דער היטער ניט אַרײַנגעלאָזט אין שול.

אָבער הלל האָט זייער געוואָלט וויסן וואָס מע לערנט. איז ער אַרויף אויפֿן דאַך, זיך געלייגט לעבן פֿענצטער פֿון דאַך צו הערן די רייד פֿון די באַרימטע לערערס.

דער שניי איז ווײַטער געגאַנגען. הלל ליגט אַזוי אויפֿן דאַך בײַם פֿענצטער און הערט זיך צו צו די רייד פֿון די לערערס. דער שניי פֿאַלט אַלץ און פֿאַלט. ביז הלל ווערט פֿאַרשאָטן פֿון דעם שניי. הלל איז שוין האַלב פֿאַרפֿרוירן. אַ גאַנצע נאַכט איז הלל געלעגן אונטער דעם שניי. אויף מאָרגן אין דער פֿרי זאָגט איין לערער צום צווייטן:

— „אַלע טאָג אין דער צײַט איז דאָ ליכטיק און הײַנט איז נאָך פֿינצטער. וואָס קען עס באַטײַטן?"

גיבן זיי אַ קוק אַרויף און זיי זעען — אַ מענטש ליגט איבערן פֿענצטער פֿון דאַך. איז מען אַרויף אויפֿן דאַך. מען האָט אָפּגעשאַרט דעם שניי און מען האָט געפֿונען היללן. מען האָט אים געוואַשן מיט וואַרעם וואַסער, מען האָט אים געשמירט דאָס לײַב מיט בוימל, ביז מען האָט אים דערוואַרעמט.

— „וואָס איז געשען מיט אײַך?" — האָבן די לערערס אים געפֿרעגט. האָט הלל דערציילט פֿאַרוואָס ער איז אַרויף אויפֿן דאַך.

האָט איין לערער געזאָגט דעם צווייטן: — „איך האָב קיין מאָל נישט געזען אַ מענטשן וואָס זאָל אַזוי שטאַרק וועלן לערנען."

און דער צווייטער האָט פֿאַרגעלייגט:

— „לאָמיר אים אַלע מאָל לאָזן פֿרײַ אַרײַנקומען אין שול."

אַזוי איז טאַקע געווען. הלל האָט פֿרײַ געקענט לער־נען און הלל איז געוואָרן דער גרעסטער געלערנטער בײַ ייִדן.

דער היטער	אַרײַנלאָזן	דערוואַרעמען	אַרײַנקומען

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. פֿון וואָס האָט הלל געלעבט?
2. פֿאַרוואָס האָט ער איין טאָג גאָרניט פֿאַרדינט?
3. וואָס האָט ער געטאָן צו הערן די רייד פֿון באַרימטע לערערס?
4. וואָס האָט פּאַסירט ווען ער איז געלעגן אויפֿן דאַך?
5. ווי אַזוי האָט מען געראַטעוועט הללן?
6. וואָס האָבן די לערערס געטאָן פֿאַר הללן?



דער דימענט

אין ארץ־ישראל האָט געלעבט זייער אַ גרויסער געלערנ־טער וואָס האָט געהייסן שמעון. ער האָט געהאַט אַ סך תּלמידים, אָבער געלט האָט ער געהאַט ווייניק. ער האָט געקליבן און געקליבן געלט, ביז ער האָט געקענט זיך קויפֿן אַן אייזל צום רײַטן, ער זאָל ניט דאַרפֿן אַלע מאָל גיין צו פֿוס.

ווען רבי שמעון האָט געקויפֿט דעם אייזל האָבן זײַנע תּלמידים באַקוקט און באַטאַפּט דעם אייזל. פּלוצלונג האָט איינער פֿון זיי אויסגערופֿן מיט גרויס פֿרייד:

— „רבי! צווישן די האָר פֿון אייזל האָב איך געפֿונען אַט דעם דימענט. זעט סאַראַ גרויסער דימענט!"

און אַלע אַנדערע תּלמידים האָבן געזאָגט:

— „דאָס האָט גאָט צוגעשיקט אַ מתּנה דעם רבין, ער זאָל מער ניט זײַן קיין אָרעמאַן!"

רבי שמעון האָט גענומען דעם דימענט אין די הענט אַרײַן, אים באַטראַכט און געזאָגט:

— „ניין, דער דימענט איז ניט מײַנער! איך האָב גע־קויפֿט אַן אייזל, אָבער ניט קיין דימענט. גייט און טראָגט אָפּ דעם דימענט דעם מענטשן, בײַ וועמען איך האָב גע־קויפֿט דעם אייזל. דער דימענט איז זײַנער!"

— „אָבער דער וואָס האָט פֿאַרקויפֿט דעם אייזל האָט דאָך ניט געוואוסט וועגן דימענט. דאָס האָט גאָט אײַך צו־געשיקט דעם דימענט!" — האָבן די תּלמידים געזאָגט.

— „ניין, מײַנע תּלמידים," — האָט זיי רבי שמעון גע־ענטפֿערט, — „דעם דימענט האָב איך ניט געקויפֿט. גע־הערט ער דעם פֿריִערדיקן באַלעבאָס פֿון אייזל. טראָגט אים גלײַך אָפּ!"

די תּלמידים האָבן געטאָן וואָס זייער רבי האָט זיי גע־הייסן.

מתנה	רבי	תלמידים	שמעון	ארץ־ישׂראל

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. איז רבי שמעון געווען אַ רײַכער מאַן ?
2. צו וואָס האָט רבי שמעון געקויפֿט דעם אייזל ?
3. וואָס האָט מען געפֿונען צווישן די האָר פֿון אייזל ?
4. וואָס האָבן די תּלמידים געזאָגט ?
5. פֿאַרוואָס האָט רבי שמעון ניט גענומען דעם דימענט ?

די מענטשן פֿון סדום

די מענטשן פֿון סדום זײַנען געווען זייער שלעכטע. ווען איין מענטש האָט געשלאָגן אַ צווייטן, האָבן די ריכטערס געזאָגט: „דער געשלאָגענער דאַרף באַצאָלן געלט דעם וואָס האָט אים געשלאָגן.״

איין מאָל איז אַ קלוגער מענטש געקומען קיין סדום. זעט ער ווי איין מענטש שלאָגט אַ צווייטן. האָט דער פֿרעמדער געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס שלאָגסטו אים ?״

האָט דער מענטש פֿון סדום געענטפֿערט: „איך האָב אים געהייסן, ער זאָל מיר אָפּגעבן זײַנע קליידער — האָט ער ניט געוואָלט. דערפֿאַר שלאָג איך אים.״

האָט דער פֿרעמדער געזאָגט: — „שלאָג ניט! ער האָט דיר דאָך קיין שלעכטס ניט געטאָן!״

איז דער מענטש פֿון סדום געוואָרן אין כּעס; ער האָט געכאַפּט אַ שטיין און געוואָרפֿן דעם פֿרעמדן אין שטערן. פֿון שטערן האָט גענומען רינען בלוט. האָט דער פֿרעמדער אָנגעכאַפּט דעם מענטש פֿון סדום פֿאַר דער האַנט און געזאָגט: — „קום צום ריכטער!״

האָט דער שלעכטער ריכטער געזאָגט: — „אין אונדזער שטאָט דאַרף דער געשלאָגענער באַצאָלן דעם וואָס

שלאָגט אים. דו דאַרפסט באַצאָלן דעם מענטשן וואָס האָט געוואָרפן אַ שטיין דיר אין שטערן."

האָט דער קלוגער מענטש געכאַפּט אַ שטיין און געוואָרפן דעם ריכטער אין שטערן און געזאָגט: — „באַצאָל מיר און איך וועל דאָס געלט אָפּגעבן דעם וואָס האָט אין מיר געוואָרפן דעם שטיין."

עס רינט בלוט	אין כּעס	דער געשלאָגענער

פראַגעס:

1. ווי הייסט די שטאָט פון די שלעכטע מענטשן?
2. ווייסט איר נאָך מעשׂיות וועגן די שלעכטע מענטשן פון סדום?
3. ווייסט איר וואָס איז געשען מיט דער שטאָט?
4. וואָס האָט דער שלעכטער ריכטער געזאָגט דעם געשלאָגענעם?
5. וואָס האָט דער געשלאָגענער געטאָן?

דאָס גאָלדענע קריגעלע

עס איז זייער לאַנג קיין רעגן נישט געגאַנגען. אַלע טײַכן זײַנען געווען טרוקן. עס איז אין ערגעץ ניט געווען קיין וואַסער.

רחלעס מאַמע איז געווען קראַנק. זי האָט געהאַט פיבער. זי האָט געבעטן: — „גיט מיר וואַסער, כאָטש אַ טראָפּן וואַסער." — אָבער אַפילו קיין טראָפּן וואַסער איז אויך ניט געווען.

האָט רחלע גענומען דאָס ליימענע קריגעלע וואָס איז געשטאַנען אַ ליידיקס לעבן אויוון און איז אַרויס קריגן וואַסער פאַר דער קראַנקער מוטער. זוכט זי און זוכט וואַסער און קען נישט געפינען.

רחלע איז שוין לאַנג אַרויס פון דעם דאָרף וואו זיי האָבן

געלעבט. זי איז שוין אין וואַלד וואָס טריקנט, ווײַל עס פֿעלט אים וואַסער. זי איז אַזוי פֿאַרמאַטערט אַז זי קען מער נישט גיין. זעצט זי זיך אַוועק אַפּרוען און זי שלאָפֿט אײַן.

אָבער רחלע כאַפּט זיך גיך אויף. זי דאַרף דאָך געפֿינען וואַסער פֿאַר דער מאַמען!

זעט זי לעבן זיך דאָס לײמענע קריגעלע איז פֿול מיט פֿרישן, קאַלטן וואַסער. וויל רחלע אַליין אַ ביסל טרינקען דאָס וואַסער. אָבער זי דערמאָנט זיך אַז די קראַנקע מוטער וואַרט אויף דעם ביסל וואַסער. זאָגט זי צו זיך: ניין. איך וועל שוין אויסקומען אָן וואַסער. איך מוז דאָס וואַסער ברענגען דער מאַמען.

טראָגט רחלע דאָס וואַסער אין דעם לײמענעם קריגעלע. זעט זי: אַ הינטעלע ליגט. דאָס הינטעלע ליגט אָן אָטעם — אַזוי דאָרשטיק איז עס. דאָס הינטעלע האָט קוים אַ קוויטש געטאָן, ווען עס האָט דערפֿילט וואַסער. האָט רחלע גענומען אַ ביסעלע וואַסער אויף דער האַנט און געגעבן דעם הינטעלע צו לעקן. דאָס הינטעלע האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיסלעך. רחלע איז געגאַנגען ווײַטער אַהיים.

גייט רחלע און זעט: זי האַלט אין האַנט נישט קיין לײמען קריגעלע, נאָר אַ זילבערן קריגעלע. וואונדערט זיך רחלע זייער שטאַרק, אָבער זי האָט ניט קיין צײַט צו טראַכטן. זי מוז וואָס גיכער קומען צו דער מוטער.

רחלע איז שוין בײַ דער טיר פֿון זייער שטיבל. קומט צו איר אַן אַלטער מאַן און בעט זיך בײַ איר: — „האָב רחמנות, גיב מיר אַ ביסל וואַסער. איך שטאַרב פֿון דאָרשט.“

רחלע פֿאַרגעסט אַז זי איז אַליין אויך זייער, זייער דאָרשטיק און גיט דעם מאַן אַ העלפֿט פֿון דעם וואַסער אין קריגעלע. און רחלע עפֿנט די טיר און קומט צו דער מוטער מיטן קריגעלע וואַסער. זעט רחלע: דאָס קריגעלע איז אַ גאָלדן קריגעלע!

רחלע האָט אָבער ניט קיין צײַט צו טראַכטן וואָס דאָ איז געשען. זי גיסט אָן דער מאַמען אַ גלאָז וואַסער און זאָגט:

— „נאַ, מאַמע, טרינק.‟

אָבער די מאַמע זאָגט:

— „ניין, מײַן טאָכטער, פֿריִער טרינק דו. ביסט אַזוי ווײַט געלאָפֿן זוכן וואַסער פֿאַר מיר. דו ביסט זיכער זייער דאָרשטיק.‟

האָט רחלע געענטפֿערט: — „ניין, מאַמע, איך בין געזונט, אָבער דו ביסט קראַנק. איך וויל ניט טרינקען איידער דו וועסט טרינקען.‟

האָט רחלעס מאַמע אויסגעטרונקען די גלאָז וואַסער. רחלע האָט שוין געוואָלט אָוועקשטעלן דאָס גאָלדענע קריי־געלע, ווײַל דאָס גאַנצע וואַסער האָט זי שוין אָפּגעגעבן דעם הינטעלע, דעם אַלטן מאַן און איצט דער מאַמען. אָבער ווי פֿאַרוואונדערט איז זי געוואָרן, ווען זי האָט דערזען אַז דאָס גאָלדענע קריגעלע איז נאָך אַלץ פֿול מיט וואַסער! האָט רחלע אַליין געטרונקען, זי האָט געגעבן אַנדערע מענטשן צו טרינקען — און דאָס גאָלדענע קריגעלע איז אַלץ געווען פֿול מיט וואַסער.

רחל	רחלע	דאָרשטיק	אויסגעטרונקען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס מיינט איר איז דאָס גאָלדענע קריגעלע די גאַנצע צײַט געווען פֿול מיט וואַסער?
2. וואָסערע גוטע זאַכן האָט רחלע געטאָן?
3. פֿאַרוואָס האָט רחלע פֿריִער אַליין נישט געטרונקען פֿון דעם וואַסער?
4. וואָס לערנט אונדז די מעשה?

דאָס ווײַסע ציגעלע אונטערן קינדס וויגעלע

א

עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסע און אַ שוואַרצע ציג. איז בײַ איר געבוירן געוואָרן אַ ציגעלע, אַ קליין ווײַס און שיין ציגעלע. האָט די גרויסע שוואַרצע ציג געהאָדעוועט דאָס קליינע ווײַסע ציגעלע מיט איר מילך. דאָס ווײַסע ציגעלע איז אויסגעוואַקסן מיט שטאַרקע הערנער און מיט דינע פֿיס־לעך. דאָס ווײַסע ציגעלע איז געווען זייער אַ פֿריילעכס. עס האָט שטענדיק געטאַנצט און געשפּרונגען.

ווען דאָס ווײַסע ציגעלע איז אַלט געוואָרן אַ יאָר, האָט עס געזאָגט צו דער מאַמען, דער שוואַרצער ציג: — „מאַמע, איך האָב דיך ליב, אָבער איך בין שוין אַ גרויסע. איך דאַרף גיין איבער דער וועלט און זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט."

האָט די שוואַרצע מאַמע־ציג געזאָגט: — „מײַן ריין, ווײַס ציגעלע, צו וואָס דאַרפֿסטו גיין איבער דער וועלט און

זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט? איז דיר שלעכט ביי מיר?"

האָט דאָס קליינע ווייסע ציגעלע געמעקעט און גע־זאָגט: — „איך דאַרף גיין העלפֿן קליינע קינדערלעך. איך דאַרף גיין צו קינדערלעך וואָס ליגן נאָך אין די וויגעלעך."

— „אויב אַזוי", — האָט די מאַמע־ציג געזאָגט, — „גיי, מיין טאָכטער, און זאָל דיר גאָט העלפֿן."

און די מאַמע־ציג האָט אויפֿגעהאַנגען איר טעכטערל אויפֿן האַלדז אַ שנירעלע מיט אַ גלעקעלע.

— „צו וואָס איז דאָס?" — האָט דאָס ציגעלע געפֿרעגט.

האָט די מאַמע־ציג געזאָגט: — „אַז דו וועסט גיין דורך אַ וואַלד, וועט דאָס גלעקעלע קלינגען און שלעכטע חיות וועלן זיך דערשרעקן און דיר ניט טאָן קיין שלעכטס."

האָט דאָס ציגעלע געקושט־געלעקט איר מאַמע און איז אַוועק אין ווייטן וועג.

ב

דאָס ווייסע ציגעלע איז געגאַנגען איבער פֿעלדער, זי איז געגאַנגען דורך אַ פֿינצטערן וואַלד. אָבער דאָס ווייסע צי־געלע האָט זיך ניט געשראָקן. דאָס גלעקעלע האָט געקלונ־גען און די פֿיסלעך האָבן פֿריילעך געטאַנצט.

ווען דאָס ציגעלע איז אַרויס פֿון וואַלד איז עס אָנגעקומען צו אַ קליין שטעטעלע. דאָס ציגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם ערשטן הייזל און אָנגעקלאַפּט מיט די הערנער. איז אַרויסגעקומען אַ פֿרוי, אַ יונגע פֿרוי, אַ שיינע פֿרוי. אָבער אירע אויגן זיינען געווען פֿאַרוויינט. האָט דאָס צי־געלע געפֿרעגט:

— „וואוינט דאָ אַ קליין קינדערלע?" — האָט די פֿרוי געענטפֿערט:

— „יאָ, מיין ציגעלע, דאָ וואוינט מיין קינד. דאָס קינ־

דעלע מײַנס איז נאָך זייער קליין און ליגט אין אַ וויגעלע. אָבער מײַן קינדעלע איז קראַנק און מײַן קינדעלע וויינט. מײַן קינדעלע קען ניט אײַנשלאָפֿן. איך האָב שוין מײַן קינדעלע אויסגעזונגען אַלע לידעלעך וואָס איך קען. אָבער דאָס קינדעלע וויל ניט שלאָפֿן."

— „אויב אַזוי", — האָט דאָס ציגעלע געזאָגט, — „דאַרף איך טאַקע קומען צו אײַך."

ג

איז דאָס ציגעלע אַרײַנגעקומען. דאָס ציגעלע איז צוגעגאַנגען צום וויגעלע און געזען: עס ליגט אַ קליין מיידעלע און וויינט. האָט דאָס ציגעלע גענומען קלינגען מיטן גלעקעלע. האָט דאָס מיידעלע אויפֿגעהערט וויינען. האָט דאָס ציגעלע געפֿרעגט: — „ווי הייסטו, קליין מיידעלע?"

האָט דאָס מיידעלע געזאָגט: — „פֿריידעלע".

— „אויב דו הייסט פֿריידעלע, וואָס זשע וויינסטו?"

— „איך וויין, ווײַל איך קען ניט שלאָפֿן."

— „פֿאַרוואָס קענסטו ניט שלאָפֿן?"

— „איך קען ניט שלאָפֿן, ווײַל איך שרעק זיך."

— „פֿאַרוואָס שרעקסטו זיך?"

— „ווײַל דאָס הײַזל איז לעבן אַ וואַלד, און דער וואַלד מאַכט בו־בו, און די ביימער מאַכן בו־בו־בו, און איך וויין אויך בו־בו־בו."

האָט דאָס ציגעלע געזאָגט: — „אַ מיידעלע פֿריידעלע דאַרף זיך ניט שרעקן. אָט בין איך אַ קליין ווײַס ציגעלע דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן וואַלד. איך האָב געטאַנצט און געשפּרונגען און מײַן גלעקעלע האָט געקלונגען. און דו זעסט, איך בין גאַנץ און געזונט. קיינער האָט מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן."

האָט דאָס מיידעלע אין וויגעלע אָנגעהויבן צו שמייכ־
לען און האָט געזאָגט:

— „בלײַב בײַ מיר, ציגעלע, וועל איך קיין מאָל נישט
וויינען, וועל איך זיך נישט שרעקן פֿאַר קיינעם און איך
וועל שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט."

האָט דאָס ציגעלע געזאָגט: — „גוט, מיידעלע." —
און דאָס ציגעלע האָט זיך געלייגט אונטער דעם קינדס ווי־
געלע. דאָס ציגעלע איז געווען פֿאַרמאַטערט פֿון וועג און
איז אײַנגעשלאָפֿן.

די מאַמע האָט זיך געזעצט לעבן קינדס וויגעלע און גע־
נומען זינגען אַ נײַ לידעלע:

„אונטער מײַן מיידעלעס וויגעלע
שלאָפֿט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע . . ."

דאָס מיידעלע איז אויך אײַנגעשלאָפֿן. ווען דאָס מיי־
דעלע איז אײַנגעשלאָפֿן איז דאָס ציגעלע אויפֿגעשטאַנען
און געוואָלט אַוועקגיין.

— „וואוהין גייסטו, ציגעלע?" — האָט די פֿרוי געפֿרעגט.
האָט דאָס ציגעלע געענטפֿערט: — „דײַן מיידעלע שלאָפֿט
שוין, אָבער אַנדערע קינדער שלאָפֿן נים. איך גיי צו אַנדע־
רע קינדער וואָס ליגן אין וויגן און קענען נים שלאָפֿן. איך
גיי אויך האַנדלען מיט ראָזשינקעס און מיט מאַנדלען."

— „צו וואָס דאַרפֿסטו ראָזשינקעס מיט מאַנדלען?"
האָט די פֿרוי געפֿרעגט, — „דו עסט דאָך גראָז."

האָט דאָס ציגעלע געענטפֿערט: — „איך דאַרף ראָ־
זשינקעס מיט מאַנדלען פֿאַר קינדער וואָס האָבן עס ליב. איך
וועל זיי עס ברענגען אַ מתנה. זיי וועלן זיך פֿרייען און זײַן
גוטע קינדער און וועלן שלאָפֿן בײַנאַכט."

און אַזוי גייט דאָס קליינע ווײַסע ציגעלע פֿון הויז צו
הויז. עס ליגט אונטער וויגעלעך פֿון קינדער; עס ברענגט

ראַזינקעס מיט מאַנדלען. און אַלע ייִדישע מאַמעס האָבן זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרוויגן זייערע קינדער מיט דעם לי־דעלע:

אונטער מײַן קינדס וויגעלע
ליגט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען,
קויפֿן ראַזינקעס מיט מאַנדלען.

גלעקעלע	שמייכלען	פֿון הויז צו הויז	פֿאַרוויגן

פֿראַגעס:

1. קענט איר זינגען דאָס לידעלע: „אונטער מײַן קינדס וויגעלע . . .״ ?
2. קענט איר אַנדערע וויגלידער ?
3. צו וואָס איז דאָס ווײַסע ציגעלע אַוועק איבער דער וועלט ?
4. צו וואָס איז געווען דאָס גלעקעלע ?
5. וואו איז דאָס ציגעלע געקומען ?
6. וואָס האָט דערציילט די מאַמע ?
7. וואָס האָט פֿריידעלע דערציילט ?
8. וואָס האָט דאָס ציגעלע געזאָגט פֿריידעלען ?
9. ווי אַזוי האָבן די ייִדישע מאַמעס זיך אויסגעלערנט דאָס לידעלע מיטן ציגעלע ?

דער קליינער לינקאָלן

אייבּרעהעם (אַבֿרהם) לינקאָלן איז געווען אַן אָרעמער ייִנגל. זײַן פֿאָטער האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט, און דער קליינער לינקאָלן האָט געהאָלפֿן דעם פֿאָטער אין דער אַר־בעט. דער פֿאָטער האָט געאַרבעט אַרום די שיפֿן.

אויף די שיפֿן האָט דער קליינער לינקאָלן געזען אַ סך נעגערס. די נעגערס זײַנען געווען שקלאַפֿן. זיי האָבן זייער שווער געאַרבעט און מען האָט זיי געשלאָגן מיט בײַטשן.

איין מאָל האָט דער קליינער לינקאָלן געזען ווי אַן אַל־

טער נעגער טראָגט אויפֿן רוקן אַ שווערן קאַסטן. דער אַלטער נעגער האָט מער דעם קאַסטן ניט געקענט טראָגן. האָט דער אַלטער שקלאַף אויסגערופֿן: — „איצט וועט מען מיך שלאָגן!“

איז לינקאָלן צוגעלאָפֿן צו אים און אים געזאָגט:

— „איך וועל דיר העלפֿן טראָגן דעם קאַסטן.“ — און דער קליינער אייבּרעהעם האָט געהאָלפֿן דעם נעגער אַרויפֿנעמען דעם קאַסטן אויף די פּלייצעס. ער האָט דעם קאַסטן אונטערגעהאַלטן מיט די הענט, ביז דער אַלטער שקלאַף האָט צוגעטראָגן דעם קאַסטן. דער אַלטער מאַן האָט אים געזאָגט:

— „אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר! דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווען אַ ווײַסער העלפֿט מיר אין דער אַרבעט.“

ווען לינקאָלן איז געוואָרן אַ גרויסער, איז ער געוואָרן דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ער האָט באַפֿרײַט די שקלאַפֿן.

לינקאָלן האָט געגלייבט אַז אַלע מענטשן זײַנען ברידער.

דער שקלאַף	די בײַטש	דער קאַסטן	אונטערגעהאַלטן

פֿראַגעס:

1. איז לינקאָלנס פֿאָטער געווען אַ רײַכער?
2. ווען האָט לינקאָלן געזען די שקלאַפֿן די נעגערס?
3. וואָס איז געשען מיט אַן אַלטן שקלאַף?
4. ווי האָט לינקאָלן אים געהאָלפֿן?
5. אין וואָס האָט לינקאָלן געגלייבט?

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

ניו־פּאָרט איז אַן אַלטע שטאָט. און ייִדן וואוינען אין ניו־פּאָרט שוין אַ סך, אַ סך יאָרן.

ווען עס איז געווען די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָבן ייִדן פון ניו־פּאָרט זייער אַ סך געהאָלפן צו זיגן איבער די ענגלענדער.

ווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז געווען פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז ער איין מאָל געקומען צו גאַסט אין ניו־פּאָרט. ער איז אָנגעקומען מיט אַ שיף פון ניו־יאָרק. אַלע איינוואוינערס פון דער שטאָט זיינען געלאָפן אים באַגעגענען. מען האָט אים פאָרגעשטעלט די וויכטיקסטע מענטשן פון ניו־פּאָרט. צווישן זיי איז אויך געווען דער אַלטער משה לאָפּעז.

וואַשינגטאָן האָט געפרעגט: — „פאַרדריסט אייך נישט וואָס איר האָט פאַרלוירן אַלע אייערע שיפן אין דער מלחמה? די ענגלענדער האָבן דאָך צוגענומען אַלע אייערע שיפן."

משה לאָפּעז האָט געענטפערט: — „עס פאַרדריסט מיך נישט וואָס איך האָב פאַרלוירן אַלע מיינע שיפן. איך בין גרייט אויך איצט אָפּצוגעבן פאַר מיין לאַנד אַלץ וואָס איך האָב."

וואַשינגטאָנען איז זייער געפעלן געוואָרן דער ענטפער.

דער לעצטער וואָס מען האָט פאָרגעשטעלט איז געווען משה סייִשאַס. ער האָט אין נאָמען פון די ייִדן אין ניו־פּאָרט געלייענט אַזאַ באַגריסונג:

„גאָט האָט צוגעזאָגט ייִדן דאָס לאַנד כּנען, און יהושע האָט אַריינגעפירט די ייִדן אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד. גאָט האָט צוגעזאָגט דעם אַמעריקאַנער פאָלק די פאַראייניקטע שטאַטן און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט זיי באַפרייט. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז אַזוי ווי יהושע."

פּרעזידענט וואַשינגטאָן איז געווען זייער שטאַרק צופֿרידן. ער האָט געזאָגט: — „איך וועל עס קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן! איך וועל עס נישט פֿאַרגעסן! איך וועל אײַך ענטפֿערן אויף אײַער שיינער באַגריסונג."

און דער ענטפֿער איז געקומען. אַלע ייִדן פֿון ניו־פּאָרט זײַנען געווען אין סינאַגאָגע און האָבן געהערט דעם ענטפֿער פֿון פּרעזידענט וואַשינגטאָן. און פּרעזידענט וואַשינגטאָן האָט אין זײַן ענטפֿער געשריבן:

— „ייִדן וועלן אַלע מאָל קענען לעבן אין אַמעריקע פֿרײַ. ייִדן וועלן דאָ קענען בלײַבן ייִדן. די געזעצן פֿון לאַנד וועלן פֿאַרטיידיקן ייִדן ווי אַלע אַנדערע מענטשן."

וואַשינגטאָנס בריוו צו די ייִדן אין ניו־פּאָרט איז געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. ייִדן האַלטן עס פֿאַר זייער אַ טײַערע זאַך.

פֿאַרגעשטעלט	יהושע	כנען	צוגעזאָגט	באַגריסונג

פֿראַגעס:

1. וואו געפֿינט זיך ניו־פּאָרט?
2. וואָס האָט משה לאָפּעז פֿאַרלוירן אין דער צײַט פֿון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע?
3. וואָס האָט לאָפּעז געענטפֿערט וואַשינגטאָנען?
4. וואָס האָט משה סײַשאַס געזאָגט אין דער באַגריסונג?
5. וואָס האָט וואַשינגטאָן געזאָגט?
6. וואָס האָט וואַשינגטאָן געשריבן אין זײַן בריוו צו די ייִדן אין ניו־פּאָרט?
7. מיינט איר אַז וואַשינגטאָנס בריוו איז אַ וויכטיקע זאַך?
8. פֿאַרוואָס איז דער בריוו וויכטיק פֿאַר ייִדן?

חמשה־עשר בשבט

הײַנט איז חמשה־עשׂר בשבֿט!
לאָמיר אַלע ניט פֿאַרגעסן,
ארץ־ישׂראל־פֿרוכטן צו עסן.
ייִדישע קינדער, נעמט אײַך, נאָט:

פֿײַגן, טייטלען אָן אַ שיעור,
איינס פֿאַר דיר און איינס פֿאַר מיר,
פֿאַר די קינדער פֿון דער ווײַט
און פֿאַר אַלע גוטע לײַט.

ארץ־ישׂראל	אָן אַ שיעור	די פֿײַג	דער טייטל



געשלאָפֿן זיבעציק יאָר

אין ירושלים האָט אַמאָל געלעבט זייער אַ גוטער מענטש. ער האָט געהייסן חוני. איין מאָל גייט חוני אין וועג. זעט ער: אַן אַלטער מאַן פֿלאַנצט אַ בוים.

— „וואָסער בוים פֿלאַנצט איר?" — האָט חוני געפֿרעגט דעם אַלטן מאַן.

— „איך פֿלאַנץ אַ באָקסער־בוים", — האָט דער אַלטער מאַן געענטפֿערט.

— „אין וויפֿל יאָר אַרום וועט דער באָקסער־בוים ברענגען באָקסערן?" — האָט חוני געפֿרעגט.

— „אין זיבעציק יאָר אַרום," — האָט דער אַלטער געענטפֿערט.

— „מיינט איר דען אַז איר וועט נאָך לעבן זיבעציק יאָר, צו קענען עסן די באָקסערן פֿון דעם בוים?" — האָט חוני ווידער געפֿרעגט.

— „ניין," — האָט דער אַלטער געענטפֿערט, — „איך וועל שוין ניט לעבן ווען אויפֿן בוים וועלן וואַקסן באָקסערן, אָבער מײַנע אייניקלעך וועלן עסן די באָקסערן פֿון דעם בוים. מײַנע זיידעס האָבן געפֿלאַנצט פֿאַר מיר באָקסער־ביימער און איך פֿלאַנץ אַ באָקסער־בוים פֿאַר מײַנע אייניקלעך."

חוני האָט פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט ניט געדאַרפֿט פֿרעגן דעם אַלטן צו וואָס ער פֿלאַנצט אַ בוים. אַ מענטש אַרבעט דאָך ניט נאָר פֿאַר זיך אַליין.

חוני איז געווען פֿאַרמאַטערט פֿון וועג. האָט ער זיך געלייגט אָפּרוען און איז אײַנגעשלאָפֿן. ער איז געשלאָפֿן און געשלאָפֿן — ביז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זעט ער — ער ליגט אונטער אַ גרויסן באָקסער־בוים וואָס איז פֿול מיט

באַקסערן. עס שטייט אַן אַלטער מאַן און רײַסט די באַקסערן פֿון בוים.

— „דאָס האָט איר געפֿלאַנצט דעם באַקסער־בוים?״— האָט חוני געפֿרעגט.

— „ניין, ניט איך״, — האָט געענטפֿערט דער אַלטער מאַן, — „מײַן זיידע האָט געפֿלאַנצט דעם בוים, ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין קינד.״

האָט חוני פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט געשלאָפֿן זיבעציק יאָר.

באַקסער	פֿלאַנצן	איז אײַנגעשלאָפֿן

פֿראַגעס:

1. ווייסט איר אַן אַנדער מעשׂה וועגן שלאָפֿן אַ סך יאָרן?
2. מיט וואָס איז די מעשׂה אַנדערש?
3. איז דער לאַנגער שלאָף געווען אַ שטראָף פֿאַר חונין?
4. ווי אַזוי האָט חוני פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט געשלאָפֿן זי־בעציק יאָר?
5. וואָס האָט געענטפֿערט חונין דער אַלטער מאַן וואָס האָט געפֿלאַנצט דעם באַקסער־בוים?
6. געפֿינט דעם זאַץ וואָס גיט איבער דעם געדאַנק פֿון דער מעשׂה.

אַ שפּאַס

אַ שטורעם אויפֿן „ים״.
דער „ים״ האָט זיך איבערגעקערט.

וואָס איז דאָ געשען? דערצייל.

אַ, פֿייגעלעך, בלײַבט אויף אַ רגעלע שטיין



אַ, פֿייגעלעך, בלײַבט אויף אַ רגעלע שטיין
און לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר.
צי ווייסט איר וואוהין איך וואָלט
זיך געלאָזט,
ווען איך האָב אויך פֿליגל ווי איר?

איך וואָלט אויך געפֿלויגן אַנטקעגן דער זון,
צום היימלאַנד פֿון אונדזער אַמאָל,
געפֿלויגן בײַטאָג און געפֿלויגן בײַנאַכט,
געקומען קיין ארץ־ישׂראל.

רגע	ארץ־ישׂראל	וואָלט געפֿלויגן



דער טײַטלבוים

א

אין ארץ־ישׂראל האָט אַמאָל געלעבט אַ ייִד וואָס האָט געהייסן מיכה. זײַן הויז איז געשטאַנען בײַם וועג וואָס האָט געפֿירט קיין ירושלים. איין מאָל ווען עס איז געקומען חמשה־עשׂר בשבֿט, האָט מיכה פֿאַרפֿלאַנצט אַ טײַטלבוים לעבן זײַן הויז. דער טײַטלבוים איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ הויכער און שיינער בוים. דער בוים האָט געגעבן אַ סך שאָטן און מיכה האָט ליב געהאַט צו זיצן אונטערן שאָטן פֿון זײַן בוים.

מיכה איז געווען אַ גוטער מענטש. האָט ער געוואָלט אַז אויך אַנדערע זאָלן זיך אָפּרוען אונטערן שאָטן פֿון זײַן בוים. האָט ער געשטעלט אַ טיש און בענק אונטער דעם טײַטלבוים. יעדערער וואָס איז געגאַנגען אויפֿן וועג קיין ירושלים האָט געקענט זיך אָפּרוען אין שאָטן פֿון מיכהס טײַטלבוים.

ב

איין מאָל איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַן אַלטער מאַן. מיכה האָט אים פֿאַרבעטן זיך אָפּצורוען אונטערן טײַטלבוים. ער האָט אים געגעבן צו עסן. דער אַלטער האָט זיך זייער דערפֿרייט. ער האָט געזאָגט: — „איך בין טאַקע פֿאַרמאַטערט פֿון וועג און איך בין הונגעריק אויך."

דער אַלטער האָט געענדיקט עסן. האָט ער אַרויסגענומען געלט און געלאָזט אויפֿן טיש. מיכה האָט גענומען דאָס געלט און ווען ער האָט געמיינט אַז דער אַלטער זעט ניט, האָט ער דאָס געלט אַרײַנגעלייגט אין דעם זעקל וואָס דער אַלטער האָט געהאַט מיט זיך.

דער אַלטער האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק. בײַם אַוועקגיין האָט ער געזאָגט:

— „זאָל גאָט געבן אַז דײַנע קינדער און די קינדער פֿון דײַנע קינדער זאָלן עסן די טייטלען פֿון אָט דעם טייטל־בוים.״

ג

עס זײַנען געקומען שלעכטע צײַטן פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק. די רוימער האָבן אײַנגענומען ירושלים. צוזאַמען מיט אַ סך ייִדן האָבן די רוימער געפֿאַנגען מיכהם קינדער און זיי פֿאַרטריבן קיין רוים. אויפֿן וועג צוריק האָט דער קיניג פֿון די רוימער געזען דעם שיינעם טייטלבוים, און ער האָט געזאָגט: — „אַזאַ שיינעם טייטלבוים האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געזען. ברענגט מיר פֿון זײַן פֿרוכט.״

אָבער ווען דער קיניג האָט אויפֿגעגעסן איין איינציקן טייטל, איז דאָס ביינדל געבליבן שטעקן אים אין האַלדז. ער האָט דאָס ביינדל ניט געקענט אַרויסשפּײַען, ער האָט דאָס ניט געקענט אַרויסנעמען. ער האָט דאָס אַפֿילו ניט געקענט אַראָפּשלינגען. דער קיניג איז געוואָרן קראַנק. מען האָט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ בעט און געטראָגן קיין רוים.

ד

מען האָט דעם קיניג געבראַכט אַהיים. מען האָט צונויפֿגערופֿן די גרעסטע דאָקטוירים. זיי האָבן זיך שטאַרק געמיט ביז זיי האָבן דאָס ביינדל אַרויסגענומען פֿון דעם קיניגס האַלדז.

מען האָט דאָס ביינדל אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער. דאָס ביינדל האָט זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד. פֿון דעם ביינדל איז געוואָרן אַ בוים, אַ גרויסער, הויכער טייטלבוים.

עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט אַז מיכהם קינדער האָבן געוואוינט ניט ווײַט פֿון דעם אָרט וואו עס איז געוואַקסן דער טייטלבוים. אַז עס פֿלעגט קומען חמשה־עשׂר בשבֿט,

האָבן מיכהס קינדער געגעסן די טייטלען פֿון דעם בוים אַזוי ווי דער אַלטער האָט זיי געבענטשט.

מיכהס אייניקלעך זײַנען אַוועק וואוינען אין אַנדערע לענדער. נאָר יעדערער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ ביינדל פֿון אַ טייטל. מען האָט דאָס ביינדל פֿאַרפֿלאַנצט וואו מען איז געקומען און אומעטום וואו עס האָבן געלעבט מיכהס אייניקלעך, — אומעטום האָבן זיי געגעסן די טייטלען פֿון דעם טייטלבוים וואָס זייער זיידע האָט פֿאַרפֿלאַנצט.

דעריבער טרעפֿט זיך אַז ווען יידישע קינדער עסן טייטלען חמשה־עשר בשבט — זאָגן זיי אָדער טראַכטן זיי: ווער ווייס, אפֿשר זײַנען מיר אויך פֿון מיכהס קינדס־קינדער!

טייטל	ירושלים	פֿאַרפֿלאַנצט	אַרויסגעוואָרפֿן

פֿראַגעס:

1. איז אָנגעקומען דאָס וואָס דער אַלטער האָט געבענטשט?
2. וואָס פֿאַר אַ מענטש איז געווען מיכה?
3. וואָס איז געשען מיט מיכהן און מיט זײַנע קינדער?
4. וואָס איז געשען מיט דעם קיניג פֿון די רוימער?
5. ווי אַזוי איז געשען אַז מיכהס קינדער האָבן געגעסן אין רוים טייטלען פֿון מיכהס טייטלבוים?
6. ווי אַזוי איז געשען אַז מיכהס אייניקלעך האָבן געקענט עסן די פֿרוכטן פֿון זייער זיידנס טייטלבוים?

שבת

קומט דער ליבער שבת,
בענטשט די מאַמע ליכט,
און עס שטראַלט פֿאַר נחת
ליכטיק איר געזיכט.

מאַכט דער טאַטע קידוש
אויפֿן זיסן ווײַן.
טאַטע־מאַמע ליבע,
געזונט זאָלט איר מיר זײַן!



די קו וואָס רוט שבת

אין ארץ־ישראל איז געווען אַ ייִד וואָס האָט געאַרבעט אין פֿעלד מיט זײַן קו. זי האָט געשלעפּט זײַן אַקער. זעקס טעג האָט דער ייִד געאַרבעט און דעם זיבעטן טאָג, שבת, האָט ער גערוט.

דער ייִד האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן זײַן קו. אַ ניט־ייִד האָט זי אָפּגעקויפֿט. ער האָט געוואוסט אַז די קו איז צוגעוואוינט צו שלעפּן דעם אַקער. די קו האָט די גאַנצע וואָך געאַרבעט בײַ איר נײַעם באַלעבאָס.

ווען עס איז געקומען שבת, האָט די קו זיך אַוועקגעלייגט און ניט געוואָלט זיך אויפֿהייבן פֿון אָרט. דער נײַער באַלע־באָס האָט זי געשלאָגן, אָבער די קו האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

איז דער נײַער באַלעבאָס פֿון דער קו געקומען צום ייִד און געזאָגט:

— „פֿאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט?"

— „מיט וואָס האָב איך דיך אָפּגענאַרט?" — האָט דער ייִד געפֿרעגט.

— „דו האָסט געזאָגט אַז די קו איז צוגעוואוינט צו שלעפּן דעם אַקער, אָבער בײַ מיר וויל זי זיך ניט אויפֿהייבן פֿון אָרט." — האָט געזאָגט דער נײַער באַלעבאָס פֿון דער קו.

— „איז דאָס יעדן טאָג אַזוי?" — האָט דער ייִד ווידער געפֿרעגט.

— „ניין, נאָר ווען עס קומט שבת", — האָט דער ניט־ייִד געענטפֿערט, — „מײַן קו איז געווען צוגעוואוינט זעקס טעג צו אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג צו רוען."

דעם ניט־ייִד איז די זאַך געפֿעלן געוואָרן. ער האָט גע־זאָגט: — „אַלע מענטשן דאַרפֿן אָננעמען אַ טאָג פֿון רו, אַזוי ווי ייִדן האָבן אײַנגעפֿירט."

שלעפּן	דער אַקער	אָפּגענאַרט	צוגעוואוינט

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט די קו געטאָן בײַ דעם ייִד?
2. ווי אַזוי האָט די קו זיך צוגעוואוינט צו רוען שבת?
3. ווער איז געווען דער נײַער באַלעבאָס פון דער קו?
4. וואָס האָט דערציילט דער ייִד דעם נײַעם באַלעבאָס?
5. האָבן אויך ניט־ייִדן אָנגענומען אַ טאָג פון רו?

אין דער שטילער שבת־שעה

ווײַסע, שטילע פליגל שוועבן —
שבת קומט אין אונדזער לעבן.
שענער, ליכטיקער איז הײַנט!

לאָמיר אַלע, אַלע דאָ
אין דער שטילער שבת־שעה
ווערן גוטע, ליבע פרײַנד!

חנהלעס שבת־קליידל

די מאַמע האָט געקויפט פאַר חנהלען אַ נײַ קליידל. עס איז אַ שיין און אַ ווײַס קליידל, און די מאַמע האָט געזאָגט:

— „חנהלע, דאָס וועט זײַן דײַן שבת־קליידל.“

חנהלע האָט זיך זייער געפרייט מיט איר שבת־קליידל. פרײַטיק נאָך מיטאָג האָט חנהלע אָנגעטאָן דאָס שבת־קליידל און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס.

— „פֿאַרשמיר ניט דײַן שבת־קלײדל״, — האָט די מאַ־
מע נאָכגעשריִען, — „עס איז אַ שײן, װײַס און נײַ קלײ־
דעלע.״

— „מאַמע, איך װײס װי צו האַלטן רײן מײַן
שבת־קלײדל״, — האָט חנהלע געזאָגט און
אַ פֿרײלעכע איז זי געשפּרונגען איבער דער
גאַס.

גײט פֿאַרבײַ אַן אַלטער מאַן מיט אַ זאַק
שװאַרצע קױלן אױף די פּלײצעס. דער אַלטער
איז געװען פֿאַרמאַטערט. װען ער האָט געזען
חנהלען, האָט ער געזאָגט:

— „העלף מיר אַ ביסל, מײדעלע. האַלט
צו דעם זאַק.״

חנהלע איז געװען אַ גוט מײדעלע און זי
האָט געהאָלפֿן דעם אַלטן. דער אַלטער האָט
געטראָגן דעם זאַק און זי האָט אונטערגע־
האַלטן דעם זאַק מיט אירע הענטלעך. דער
אַלטער איז געקומען צו זײַן הױז און האָט גע־
זאָגט: — „אַ דאַנק דיר, מײדעלע. זאָל גאָט
דיר געבן זײַן לױן פֿאַר דײַן גוטסקײט.״

דער אַלטער איז אַװעק צו זיך און חנהלע
איז אַ צופֿרידענע געלאָפֿן אַהײם. װען זי איז
שױן געװען לעבן איר הױז, האָט זי דערזען:
איר נײַ, שבתדיק קלײדעלע איז פֿול מיט שװאַרצע פֿלעקן.
די פֿלעקן זײַנען געקומען פֿון דעם זאַק װאָס חנהלע האָט
געהאָלפֿן טראָגן.

חנהלע האָט זיך זײער דערשראָקן. די מאַמע װעט זײער
שרײַען, האָט זי געטראַכט. אפֿשר װעט די מאַמע שלאָגן?

איז חנהלע ניט אַרײַן צו זיך אין שטוב. זי איז גיך געלאָפֿן
און געלאָפֿן און געקומען אין אַ פּאַרק. זי האָט זיך אַװעקגע־

זעצט אויף אַ בענקל און האָט געוויינט. איז שוין געוואָרן פֿינצטער און די לבֿנה איז אַרויס צו זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. האָט די לבֿנה געזען: חנהלע זיצט אין פּאַרק אויף אַ באַנק און וויינט.

— „וואָס טוסטו דאָ, חנהלע?" — האָט די לבֿנה געזאָגט אָן ווערטער. און חנהלע האָט דערציילט דער לבֿנה אַלץ וואָס מיט איר האָט פּאַסירט.

— „פֿאַרדריסט עס דיך וואָס דו האָסט געהאָלפֿן דעם אַלטן טראָגן דעם זאַק קוילן?" — האָט די לבֿנה ווײַטער געפֿרעגט אָן ווערטער.

— „ניין, עס פֿאַרדריסט מיך נישט," — האָט חנהלע געזאָגט.

— „אָבער די מאַמע — דו ווייסט?" — האָט די לבֿנה ווידער גערעדט אָן ווערטער.—„די מאַמע זאָרגט זיך שטאַרק. זי וויים ניט וואו עס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן איר מיידעלע. לויף גיכער אַהיים."

און חנהלע איז אויפֿגעשטאַנען און איז געלאָפֿן אַהיים.

די לבֿנה איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט איר באַלויכטן דעם וועג. ווען חנהלע איז אַרײַן אין שטוב, האָט די מאַמע זייער שטאַרק זיך דערפֿרייט מיט איר טעכטערל. חנהלע האָט גענומען דערציילן אַז זי האָט געהאָלפֿן אַן אַלטן מאַן טראָגן אַ זאַק קוילן און אַז איר שבת־קליידל איז געוואָרן אין שוואַרצע פֿלעקן.

— „וועלכע פֿלעקן?" — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

דאָס שבתדיקע קליידעלע איז געווען ריין און שיין און אינגאַנצן נײַ. דאָרטן וואו עס זײַנען געווען די פֿלעקן זײַנען איצט געווען שיינע העלע זילבערנע בלימעלעך. אַזוי ווי די לבֿנה וואָלט זיי געמאַכט פֿון אירע בלאַסע שטראַלן.

און חנהלעס קליידעלע איז געווען דאָס שענסטע שבת־קליידעלע וואָס אַ ייִדיש מיידעלע האָט ווען ניט איז געהאַט.

עס פּאַרדריסט	דער פּלעק	לבנה	שבתדיק	חנה

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט די מאַמע אָנגעזאָגט חנהלען ווען איר נײַ שבת־קליידל ?
2. ווען האָט חנהלע באַגעגנט אין גאַס ?
3. וואָס האָט דער אַלטער געבעטן חנהלען ?
4. וואָס האָט חנהלע געטאָן ?
5. וואָס איז געשען מיט חנהלעס קליידעלע ?
6. פאַרוואָס איז חנהלע אַוועקגעלאָפן ?
7. וואָס האָט די לבנה געפרעגט חנהלען ?
8. וואָס האָט די לבנה געהייסן חנהלען ?
9. ווי האָט אויסגעזען חנהלעס קליידעלע ?

דער שבת איז נאָר פאַר פרײַע מענטשן

משה איז געווען נאָך אַ יינגל און געלעבט בײַ פּרעהן. ער האָט געזען ווי יידישע שקלאַפן אַרבעטן יעדן טאָג. איז ער געקומען צו פּרעהן און האָט געזאָגט:

— „די יידישע שקלאַפן אַרבעטן און אַרבעטן יעדן טאָג. זאָלן זיי אַרבעטן זעקס טעג און דעם זיבעטן זאָלן זיי רוען.״

— „צו וואָס דאַרפן שקלאַפן רוען ?״ — האָט פּרעה געפרעגט.

— „שקלאַפן דאַרפן אויך רוען,״ — האָט געזאָגט דער יונגער משה.

— „קען זײַן, אַז דו ביסט גערעכט,״ — האָט געענטפערט פּרעה, — „ווען די שקלאַפן וועלן רוען איין טאָג אין זיבן טעג, וועלן זיי שפּעטער קענען בעסער אַרבעטן.״

און פּרעה האָט געהייסן אַז זעקס טעג זאָלן די שקלאַפן אַרבעטן און דעם זיבעטן זאָלן זיי רוען. אָבער ווען די שקלאַפן האָבן גערוט דעם זיבעטן טאָג, האָבן זיי געהאַט צײַט צו טראַכטן און זיי האָבן געזאָגט:

— „מיר ווילן מער ניט זײַן קיין שקלאַפֿן.“

האָט מען עס דערציילט פּרעהן און ער האָט געהייסן אַז די שקלאַפֿן זאָלן ווידער אַרבעטן יעדן טאָג. האָט משה פֿאַרשטאַנען אַז נאָר פֿרײַע מענטשן קענען האָבן אַ טאָג פֿרײַ.

ווען משה האָט אַרויסגעפֿירט די ייִדן פֿון מצרים און זיי געמאַכט פֿאַר פֿרײַע מענטשן, האָבן ייִדן אָנגענומען דעם טאָג שבת, דעם טאָג פֿון רו.

משה	פּרעה	שקלאַפֿן	מצרים

פֿראַגעס:

1. וואו האָט משה געלעבט ווען ער איז געווען אַ קינד?
2. וואָס האָט משה געזאָגט פּרעהן וועגן די שקלאַפֿן?
3. וואָס האָבן די ייִדן, די שקלאַפֿן, געטראַכט אין דעם טאָג פֿון רו?
4. וואָס האָט משה פֿאַרשטאַנען וועגן דעם טאָג פֿון רו?

הײַנט איז פּורים

הײַנט איז פּורים, ברידער,
עס איז דער יום־טובֿ גרויס,
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פֿון הויז צו הויז.



לאַך, ייִדעלע, לאַך,
אַ יום־טובֿ מאַך!
קינדס־קינדער געדענקען דעם נס.
זינגט, קינדערלעך, זינגט!
טאַנצט פֿריילעך און שפּרינגט!
דעם טײַערן טאָג ניט פֿאַרגעסט.

פֿון הויז צו הויז	קינדס־קינדער	דער נס



די מעשה פֿון פּורים

א

דאָס איז געווען אין די צײַטן פֿון קיניג אַחשורוש וואָס האָט געקיניגט איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק לענדער.

דער קיניג האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה. ער האָט געהייסן אַז די קיניגין זאָל קומען צו דער סעודה און זאָלן אַלע זען ווי שיין זי איז. אָבער די קיניגין האָט ניט געוואָלט קומען. האָט דער קיניג אַחשורוש זי געמאַכט אויס קיניגין. ער האָט אויף איר אָרט גענומען פֿאַר אַ ווײַב די ייִדישע טאָכטער אסתּר.

אסתּר האָט געהאַט אַ פֿעטער. האָט ער געהייסן מרדכי. מרדכי פֿלעגט זיצן בײַם קיניגס טויער. איין מאָל האָט מרדכי געהערט ווי צוויי וועכטערס רעדן אָפּ צו טייטן דעם קיניג. האָט מרדכי דאָס דערציילט דער קיניגין אסתּר. אסתּר האָט דאָס דערציילט דעם קיניג. און אַזוי האָט דער קיניג זיך געראַטעוועט.

דער קיניג אַחשורוש האָט גרויס געמאַכט אַ שלעכטן מענטשן מיטן נאָמען המן. אַלע האָבן זיך געבוקט פֿאַר המנען. אָבער דער ייִד מרדכי האָט זיך פֿאַר המנען ניט געבוקט. איז המן געקומען צום קיניג און האָט געזאָגט:

— „גרויסער קיניג! עס איז פֿאַראַן אַ פֿאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דײַן גאַנץ לאַנד. דײַנע געזעצן פֿאָלגן זיי ניט. עס איז ניט גוט, גרויסער קיניג, אַז אַזאַ פֿאָלק זאָל לעבן!"

— „טו מיט דעם פֿאָלק ווי דיר געפֿעלט!" — האָט דער קיניג אַחשורוש געענטפֿערט.

המן האָט אַרויסגעשיקט אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל אין איין טאָג אויסהרגענען אַלע ייִדן, אַלט און יונג, ווײַבער און קינדער.

ב

אַלע ייִדן האָבן געוויינט און געקלאָגט. מרדכי האָט גע־
הייסן אסתּרן:

— „גיי צום קיניג און בעט פאַר דײַן פאָלק. דו ביסט
אויך אַ ייִדישע טאָכטער."

און אסתּר האָט געטאָן ווי מרדכי האָט געהייסן. זי איז
געגאַנגען צום קיניג און האָט אים און המנען פאַרבעטן צו
זיך אין פּאַלאַץ צו אַ סעודה.

דערווײַל האָט אין יענער נאַכט דער קיניג ניט געקענט
שלאָפן. האָט ער געהייסן, אַז מע זאָל לייענען פאַר אים
דאָס בוך וואו מע פאַרשרײַבט אַלץ וואָס פּאַסירט אין קיניגס
הויף. האָט מען געלייענט פאַרן קיניג די געשיכטע מיט
די צוויי וועכטערס און ווי מרדכי האָט געראַטעוועט דעם
קיניגס לעבן. האָט דער קיניג אַחשורוש געזאָגט:

— „האָט מען מרדכין דערפאַר באַלוינט?"

— „ניין!" — האָבן די דינערס געענטפערט.

דערווײַל איז אַרײַנגעקומען המן. האָט דער קיניג אים
געפרעגט:

— „המן, וואָס דאַרף מען טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס
דער קיניג וויל אים טײַער האַלטן?"

האָט המן געטראַכט: — ער מיינט דאָך אַוודאי מיך, און
ער האָט געזאָגט:

— „זאָל מען אַזאַ מענטשן אָנטאָן קיניגלעכע קליידער. זאָל ער רײַטן אויף דעם קיניגלעכן פֿערד. און דעם קיניגס אַ דינער זאָל פֿירן דאָס פֿערד איבער די גאַסן און אויסרופֿן:
— „אַזוי ווערט געטאָן צו אַ מענטשן, וואָס דער קיניג וויל אים טײַער האַלטן!"
— „גוט, — האָט דער קיניג אַחשורוש געזאָגט, — „נעם דאָס פֿערד און די קליידער און טו אַזוי צו דעם ייִד מרדכי."

ג

המן האָט אַזוי געטאָן. דעם זעלבן טאָג אין אָוונט איז המן געקומען מיט דעם קיניג צו אסתּרס סעודה. אין מיטן דער סעודה האָט דער קיניג אַחשורוש געזאָגט צו אסתּרן:
— „ווילסט בײַ מיר עפּעס בעטן, אסתּר? אַ העלפֿט פֿון מײַן לאַנד וועל איך דיר געבן!"
האָט אסתּר געזאָגט:
— „אויב דער קיניג איז אַזוי גוט צו מיר, זאָל מיר דער

קיניג שענקען דאָס לעבן און דאָס לעבן פֿון מײַן פֿאָלק. מע וויל אויסהרגענען מיך און מײַן פֿאָלק."

— „ווער איז דאָס דער שלעכטער מענטש?" — האָט דער קיניג אַחשורוש געפֿרעגט מיט כּעס.

— „אָט דער המן!" — האָט אסתּר געענטפֿערט און האָט געוויזן אויף המנען.

— „הענגט אים אויף!" — האָט דער קיניג געהייסן.

דער קיניג אַחשורוש האָט גרויס געמאַכט מרדכין. מרדכי איז געוואָרן דער צווייטער צום קיניג. די ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט. ייִדן האָבן זיך געפֿרייט און געטאַנצט אויף אַלע גאַסן. זיי האָבן געשיקט מתּנות איינער צום צווייטן און האָבן געמאַכט דעם פֿריילעכן יום־טובֿ פּורים.

אַחשורוש	סעודה	אסתּר	מרדכי	המן
אויסהרגענען		באַלוינען		פֿאַרבעטן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז געווען אַחשורוש?
2. ווי אַזוי איז אסתּר געוואָרן די קיניגין?
3. ווי האָט מרדכי געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן?
4. ווער איז געווען המן?
5. וואָס האָט המן געזאָגט וועגן ייִדן?
6. וואָס פֿאַר אַ באַפֿעל האָט המן אַרויסגעשיקט?
7. וואָס האָט מרדכי געהייסן אסתּרן?
8. וואָס האָט אסתּר געטאָן?
9. ווי אַזוי איז געשען אַז אַחשורוש האָט געוואָלט באַלוינען מרדכין?
10. וואָס האָט המן פֿאַרגעלייגט? פֿאַרוואָס האָט ער עס פֿאַרגעלייגט?
11. וואָס איז געשען בײַ דער סעודה?
12. ווי איז געוואָרן דער יום־טובֿ פּורים?

הײַנט איז פּורים

הײַנט איז פּורים,
מאָרגן איז אויס;
קינדער, קינדער,
קומט אַרויס.

קומט אַרויס
און קומט אַרײַן,
ס'וועט אין שול
אַ שפּיל הײַנט זײַן.

אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן

אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן! —
אַ גוט־פּורים זאָג איך.
אַ גוט יום־טובֿ, מענטשן,
שלח־מנות טראָג איך.

מאַנדעלעך און טאָרטן,
פּלאָדן, המן־טאַשן, —
פֿאַר ייִנגעלעך צו עסן,
פֿאַר מיידעלעך צו נאַשן.

פּורים איז מיר פֿריילעך,
פּורים איז מיר גוט,
לאָמיר אַלע טאַנצן
אַ שעה מיט אַ מינוט.

המן איז אַ רשע, —
ייִדן וויל ער טייטן.
וועלן מיר אים הענגען,
שמידן אים אין קייטן.

און מיט זײַן מפּלה
וועלן מיר זיך פֿרייען,
המן־טאַשן עסן
און דעם גראַגער דרייען.



צוליב די קינדער

דער בייזער המן האָט שוין געהאַט פאַרטיק זײַן פּלאַן ווי אַזוי אויסצוהרגענען אַלע ייִדן.

איך וועל אָנהייבן פון די קינדער, האָט ער געטראַכט: איך וועל פאַנגען אַלע ייִדישע קינדער. דערנאָך וועל איך אויפהענגען מרדכין אויפן בוים. די ייִדישע מוטערס וועלן נאָך ניט וויסן, אַז זייערע קינדער זײַנען שוין טויט און וועלן ברענגען פאַר זיי שפּײַז. וועל איך דערהרגענען די ייִדישע מוטערס. דערנאָך וועל איך דערהרגענען די ייִדישע פאָ־טערס.

דאָס איז געווען המנס פּלאַן. אָבער מרדכי האָט גע־וואוסט וועגן המנס פּלאַן אויסצוהרגענען אַלע ייִדן. מרדכי און אסתּר האָבן אויסגערופן:

— „דרײַ טעג און דרײַ נעכט זאָלן אַלע ייִדן פאַסטן, זיי זאָלן ניט עסן און זאָלן נישט טרינקען, און זאָלן בעטן גאָט. אפשר וועט גאָט רחמנות קריגן אויף אונדז און וועט אונדז לאָזן לעבן.״

אַלע ייִדן האָבן אָנגעהויבן פאַסטן און בעטן גאָט. עס זײַנען געווען ייִדישע מאַמעס וואָס האָבן געוואָלט געבן טרינקען זייערע קינדער. זיי האָבן געטראַכט: די קינדער זײַנען נאָך קליין. זיי מעגן עסן און טרינקען ווען די גרויסע פאַסטן.

אָבער אַלע ייִדישע קינדער האָבן נישט געוואָלט ניט עסן און ניט טרינקען ווען די גרויסע פאַסטן. זיי האָבן גע־זאָגט: — „מיר זײַנען ייִדישע קינדער. אונדז וויל מען אויך אויסהרגענען. דאַרפן מיר אויך פאַסטן ווי די גרויסע״.

אַלע ייִדישע קינדער האָבן געפאַסט און געבעטן גאָט ער זאָל רחמנות קריגן אויף ייִדן און צעשטערן המנס פּלאַן. און גאָט האָט געזען ווי ייִדישע קינדער עסן נישט און טרינ־

קען נישט, ווי זיי פֿאַסטן ווי די גרויסע, ווי זיי בעטן בײַ אים רחמנות. און גאָט האָט געקריגן רחמנות אויף די ייִדישע קינדער און ער האָט געזאָגט: „צוליב די ייִדישע קינדער וועט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק זיך ראַטעווען.״

און אַזוי איז טאַקע געווען. אַזוי איז טאַקע געשען: אַלץ צוליב די ייִדישע קינדער.

אויסהרגענען	מרדכי	פֿאַסטן	רחמנות

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער האָט געמאַכט דעם פּלאַן אויסצוהרגענען אַלע ייִדן?
2. וואָס איז געווען המנס פּלאַן?
3. וואָס האָבן אויסגערופֿן מרדכי און אסתּר?
4. וואָס האָבן די מוטערס געטראַכט וועגן די קינדער?
5. וואָס האָבן די קינדער געזאָגט?
6. צוליב וועמען האָט גאָט רחמנות געקריגן אויף אַלע ייִדן?

מעשה

דער פּאַסטעך משה

משה איז אַנטלאָפֿן פֿון מצרים און איז געווען אַ סך יאָרן אַ פּאַסטעך. ער איז געווען אַ גוטער פּאַסטעך און האָט ליב געהאַט זײַנע שאָף.

עס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג. זעט דער פּאַסטעך משה, ווי אַ שעפּעלע לויפֿט גיך אַוועק פֿון די אַנדערע שאָף. משה איז נאָכגעלאָפֿן דעם שעפּעלע. זעט ער ווי דאָס שעפּעלע קומט צו צו אַ טײַכל און טרינקט וואַסער פֿון דעם טײַכל. האָט משה פֿאַרשטאַנען אַז דאָס שעפּעלע איז געווען זייער דאָרשטיק. און ער האָט געטראַכט:

איך האָב געדאַרפֿט וויסן אַז דאָס שעפּעלע איז דאָרשטיק. איך האָב געדאַרפֿט אַליין ברענגען וואַסער פֿאַרן שעפּעלע.

און משה האָט גענומען דאָס שעפּעלע אויף די הענט און עס געטראָגן צוריק צו די איבעריקע שאָף.

און ווײַל משה איז געווען אַזאַ גוטער פּאַסטעך, איז ער שפּעטער געוואָרן דער פֿירער פֿון די ייִדן און האָט זיי באַפֿרײַט פֿון זײַן שקלאַפֿן.

דער פּאַסטעך	משה	אַ סך	נאָכגעלאָפֿן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט משה געטאָן ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿון מצרים?
2. פֿאַרוואָס איז איין שעפּעלע אַנטלאָפֿן פֿון די איבעריקע שאָף?
3. וואָס האָט משה געטראַכט, ווען ער האָט געזען ווי דאָס שעפּעלע טרינקט?
4. וואָס האָט משה געטאָן מיטן שעפּעלע?
5. וואָס איז דער פּאַסטעך משה שפּעטער געוואָרן?

פֿאַרוואָס האָט משה געשטאַמלט?

פּרעהס טאָכטער האָט געראַטעוועט דאָס קינד אין דעם קעסטעלע. זי האָט אָנגערופֿן דאָס קינד משה. משה איז געוואַקסן אין פּרעהס הויז. ווען משה איז שוין געווען דרײַ יאָר אַלט, איז ער איין מאָל געזעסן אויפֿן שויס פֿון פּרעהס טאָכטער. פּרעה איז צוגעקומען, זיך אַראָפּגעבויגן צו זײַן טאָכטער און צום קינד וואָס זי האָט געהאַלטן אויפֿן שויס.

האָט דער קליינער משה דערזען די גאָלדענע קרוין מיט די טײַערע שטיינער וואָס פֿינקלען. האָט משה אויסגעשטרעקט דאָס הענטל, ער האָט אַראָפּגענומען די קרוין פֿון פּרעהס קאָפּ און זי אָנגעטאָן אויף זײַן קעפּל.

פּרעה און אַלע מענטשן אַרום אים האָבן זיך זייער דערשראָקן. זיי האָבן געזאָגט:

— „וואָס קען דאָס באַטײַטן? אפֿשר וועט דאָס קינד שפּעטער אַראָפּנעמען די קרוין פֿון פּרעהס קאָפּ און אַליין ווערן פּרעה?"

און איינער פֿון פּרעהס מענטשן האָט געזאָגט: — „זאָל דער גרויסער פּרעה לאָזן טייטן דאָס קינד. אויב דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט עס צונעמען פֿון דיר דײַן קרוין."

האָט פּרעהס טאָכטער זיך זייער דערשראָקן און זי האָט געזאָגט:

— „לאָזט אים אָפּ! ער איז דאָך נאָך אַ קינד. ער ווייס ניט וואָס ער טוט."

— „ווי זאָלן מיר עס אויספּרוּוון?" — האָט פּרעה געפֿרעגט.

האָט איינער פֿון זײַנע מענטשן געגעבן אַזאַ עצה: זאָל מען ברענגען צוויי שיסלען, איין שיסל מיט גאָלד און טײַערע שטיינער און אַ צווייטע שיסל מיט ברענענדיקע קוילן. אויב דאָס קינד וועט אויסשטרעקן דאָס הענטל צו דעם גאָלד

און די טײַערע שטיינער — הייסט עס אַז דאָס קינד פֿאַר־שטייט וואָס עס טוט. אויב דאָס קינד וועט אויסשטרעקן דאָס הענטל צו די בּרענעדיקע קוילן —הייסט עס אַז דאָס קינד פֿאַרשטייט ניט וואָס עס טוט, און עס וויל נאָר עפּעס וואָס גלאַנצט.

פּרעה האָט באַפֿוילן אַזוי צו טאָן. מען האָט אַוועקגע־שטעלט פֿאַר דעם קליינעם משהן צוויי שיסלען: אַ שיסל מיט גאָלד און טײַערע שטיינער, און אַ שיסל מיט בּרענע־דיקע קוילן. דער קליינער משה האָט אויסגעשטרעקט דאָס הענטל צום גאָלד מיט די טײַערע שטיינער. אָבער פּרעהס טאָכטער האָט אויף גיך אַ שטופּ געטאָן זײַן הענטל צו די בּרענעדיקע קוילן. דער דרײַ־יאָריקער משה האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ בּרענעדיקע קויל און זי צוגעטראָגן צו די ליפּן. ער האָט אַ בּיסל אָפּגעבּרענט די צונג און ער האָט אַ גאַנץ לעבּן געשטאַמלט.

פּרעה	פּינקלען	אויסשטרעקן	עצה	בּרענעדיק

פֿרילינג

פֿרילינג קומט אויף אַלע וועגן,
לויפֿט דעם ליבן גאַסט אַנטקעגן!
לויפֿט צום וואַלד, לויפֿט צום פֿעלד —
אומעטום אַ פֿרײַע וועלט!
קלינגט און זינגט, שפּרינגט און ברומט!
פֿרילינג קומט, פֿרילינג קומט!

העלע פּרימאַרגנס

העלע פּרימאַרגנס
אין גאָלדענעם שײַן,
קינדערלעך קלײנע,
געזונט זאָלט איר זײַן!

בלוי איז דער הימל
ווי בלימלעך פֿון לײַן,
קינדערלעך טאַנצן
ראָד־אויס און ראָד־אײַן.

פֿאַרוואָס וואַקסן רויזן אויף אַ דאָרן־ביימל?

עס איז געקומען דער פֿרילינג. אַלע ביימער האָבן זיך אויסגעפּוצט אין נײַע גרינע בלעטער. ביימער קענען אויך ריידן. זיי ריידן ניט מיט אַ צונג ווי מענטשן, נאָר זיי ריידן מיטן ווינט וואָס שפּילט זיך אין די בלעטער. האָט איר געהערט ווי בלעטער ריידן?

וועגן וואָס ריידן די ביימער? זיי ריידן וועגן די ליכטיקע טעג וואָס וועלן זײַן, וועגן דער זון וואָס וועט זיי וואַרעמען, וועגן דעם רעגן וואָס וועט זיי וואַשן און וועגן נאָך אַ סך וויכטיקע זאַכן. און איצט האָבן די ביימער גערעדט וועגן דעם אַז באַלד דאַרפֿן קומען צו זיי צוויי באַרימטע זינגערס, דער מאַן־ און די פֿרוי־נאַכטיגאַל.

— „די באַרימטע זינגערס וועלן זיכער בויען זייער נעסט בײַ מיר,” — האָט געזאָגט דער דעמב, — „איך בין דאָך דער שטאַרקסטער בוים אין וואַלד.”

— „די באַרימטע זינגערס וועלן בויען זייער נעסט בײַ מיר,” — האָט געזאָגט דער ליפּע־בוים, — „איך בין דער בעסטער בוים אין וואַלד.”

עס איז אויך געווען אַן עפּל־בוים אין מיטן וואַלד. האָט ער געזאָגט: — „די באַרימטע זינגערס וועלן בויען זייער נעסט בײַ מיר. איך בין דאָך אַ פֿרוכט־בוים און מײַנע עפּל זײַנען געשמאַק.”

אַזוי האָבן אַלע ביימער אין וואַלד זיך געקריגט בײַ וועמען וועלן וואוינען די באַרימטע זינגערס. נאָר דאָס נידעריקע דאָרן־ביימל איז געשטאַנען פֿאַרשעמט און גאָרנישט געזאָגט. עס האָט טרויעריק געטראַכט: איך האָב נאָך דערנער. בײַ מיר וועלן די באַרימטע זינגערס ניט וואוינען. און עס איז נאָך קלענער געוואָרן און נאָך שטעכיקער ווי פֿריִער.

ווען דער מאַן־ און די פֿרוי־נאַכטיגאַל זײַנען געקומען צו פֿליִען אין וואַלד, האָבן זיי באַקוקט אַלע ביימער און געהערט ווי די אַלע ביימער פֿאַרבעטן זיי צו זיך.

— „מיר וועלן בויען אונדזער נעסט אויף דעם נידע־ריקן שטעכיקן ביימל", — האָט געזאָגט די פֿרוי־נאַכטיגאַל און געוויזן איר מאַן אויף דעם פֿאַרשעמטן דאָרן־ביימל.

— „פֿאַרוואָס דאָ?" — האָט דער מאַן־נאַכטיגאַל גע־פֿרעגט.

— „די דערנער וועלן שיצן אונדזער נעסט און ניט צו־לאָזן קיין ווילדע קעץ אָדער אַנדערע שלעכטע חיות צו אונדזערע קינדערלעך אין נעסט", — האָט די פֿרוי־נאַכטי־גאַל געזאָגט.

— „ביסט גערעכט, מײַן ווײַב," — האָט געזאָגט דער באַרימטער זינגער.

און זיי האָבן אויסגעבויט זייער נעסט צווישן די דערנער פֿון דעם פֿאַרשעמטן און נידעריקן דאָרן־ביימל.

יעדן אָוונט און יעדן פֿרימאָרגן האָבן זיי געגעבן זייערע קאָנצערטן פֿון דעם נידעריקן און פֿאַרשעמטן דאָרן־ביימל. און דאָס דאָרן־ביימל איז געוועזן אַזוי גליקלעך, אַז זײַן האַרץ האָט געשפּרונגען פֿון פֿרייד. און דאָס דאָרן־ביימל האָט מיט אַלע כּוחות געוואָלט געבן וואָס מער גליק און פֿרייד די ליבע און באַרימטע זינגערס. עס האָט זיך אַזוי שטאַרק געמיט — ביז אויפֿן דאָרן־ביימל האָבן גענומען וואַקסן רויזן, שיינע און שמעקעדיקע רויזן.

די נאַכטיגאַלן האָבן זיך געפֿרייט מיט די רויזן, און די רויזן האָבן זיך געפֿרייט מיט די נאַכטיגאַלן.

פֿון יעמאָלט אָן וואַקסן רויזן אויף נידעריקע דאָרן־ביימלעך.

נאַכטיגאַל	כּוח	כּוחות

פֿראַגעס:

1. אויף וועמען האָבן די ביימער געוואַרט?
2. וואָס האָבן די ביימער גערעדט צווישן זיך?
3. פֿאַרוואָס האָבן די נאַכטיגאַלן אויסגעקליבן דאָס דאָרן־ביימל?
4. וואָס איז געשען מיטן דאָרן־ביימל?

פֿרילינג אין שטאָט

דער הימל ריין, דער הימל בלוי,
עס שימערט און עס שײַנט;
און פֿרעמדע מענטשן גריסן זיך
אַזוי ווי גוטע פֿרײַנד.

די גאַס איז פֿול מיט קינדערלעך,
מע טאַנצט בײַ יעדער הויז;
און פֿון אַ פֿענצטער שמייכלענדיק
אַ מאַמע קוקט אַרויס.

ס'איז שײַנענדיק, און לעבעדיק,
און טומלדיק אַרום;
אין מיטן גאַס צוויי פֿייגעלעך,
צוויי קליינע טאַנצן אום.

— טשיר־טשיר, טשיר־טשיר, מײַן טײַערע,
ס'איז פֿרילינג, וואָס זאָגסטו?
— געוויס, מײַן ליבער, — צווּיטשערט אויך
זײַן חבֿרטע אים צו.

און ביידע אויף דער מיטן גאַס
צופֿרידן טאַנצן אום.
ס'איז לעבעדיק און טומלדיק
און שײַנענדיק אַרום.

הוידע

הוידע, הוידע, הוידלקע,
פֿיסלעך אין דער הייך,
ווײַסע קליינע טײַבעלעך
פֿליִען אין דער הייך.

העכער, העכער, הוידלקע,
באַלד איז שוין דער הימל,
נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל,
ריר איך אָן דעם הימל.



פסח

אליהו הנבֿיאס כוס

אליהוס כוס דער שיינער
שטייט שוין פֿול מיט ווײַן;
באַלד וועט אליהו קומען,
באַלד וועט ער אַרײַן!..

ווײַל צום סדר קומט ער בענטשן
יעדן ייִדנס הויז;
און פֿאַר אים דעם כּוס דעם שענסטן
קלײַבט מען שטענדיק אויס.

ער איז שוין בײַ אונדז צום סדר
וויפֿל מאָל געווען . . .
אָבער איך וויס, אַז אליהון
קאָן ניט קיינער זען.

עפֿנט מען פֿאַר אים די טירן
און איך קוק זיך אײַן —
אפֿשר וועל איך פֿאָרט דערזען אים
ווען ער וועט אַרײַן.

אליהו הנביא	כּוס	סדר	פּסח

אַ גאַסט אויף פּסח

אַמאָל האָט געלעבט אַ גוטער און ערלעכער ייִד. ער איז געווען זייער אָרעם, האָבן מענטשן אים געוואָלט העלפֿן. אָבער ער האָט געזאָגט:

— „איך וויל ניט אומזיסט קיין געלט. איך וויל אַרבעט.“

נאָר קיין אַרבעט האָט דער גוטער ייִד ניט געפֿונען. און אָט קומט באַלד דער יום־טובֿ פּסח. דער ערלעכער ייִד האָט נישט קיין מצות, האָט נישט קיין ווײַן, האָט נישט קיין נײַע קליידער פֿאַר זיך און פֿאַר די קינדער. עס איז אַפֿילו נישטאָ קיין געלט צו קויפֿן פֿיש און פֿלייש. די ווײַב און די קינדער זיצן און וויינען.

גייט דער אָרעמער ייִד אַרויס אין גאַס. אפֿשר וועט ער

דאָך געפֿינען אַרבעט! שטעלט אים אָפּ אַן אַלטער ייִד, אַ הויכער מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, און ער זאָגט:

— „איך בין דאָ אַ פֿרעמדער. איך האָב נישט וואו צו זײַן פּסח. אפֿשר קען איך זײַן אײַער גאַסט אויף פּסח?"

ענטפֿערט דער ייִד:

— „איך האָב אַליין קיין זאַך נישט אויף פּסח."

האָט דער אַלטער מאַן אַרויסגענומען געלט און געזאָגט:

— „אָט האָסטו גענוג געלט צו קויפֿן אַלץ וואָס אַ ייִד דאַרף אויף פּסח: מצות, ווײַן, פֿיש, פֿלייש און אַנדערע זאַכן. מיר וועלן פּראַווען דעם יום־טובֿ אינאיינעם."

דער אָרעמער ייִד איז מיט פֿרייד געלאָפֿן אַהיים. ער האָט געגעבן זײַן ווײַב דאָס געלט און זי איז גלײַך געלאָפֿן אײַנקויפֿן אַלץ אויף פּסח. דער ייִד און זײַן משפּחה האָבן גע־האַט אַ שיינעם פּסח צוזאַמען מיט דעם גאַסט.

פּסח	מצה	אפֿשר	פּראַווען דעם יום־טובֿ

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס האָט דער ערלעכער ייִד נישט געוואָלט נעמען קיין געלט בײַ מענטשן?
2. פֿאַרוואָס האָט ער גענומען געלט בײַ דעם פֿרעמדן?
3. וואָס דאַרף מען אויף פּסח?





הײַנט טאָר מען ניט לאַכן

הײַנט טאָר מען ניט לאַכן,
הײַנט טאָר מען ניט שפּילן;
הײַנט דאַרף מען אומגײן
אין אומעט אין שטילן.

הײַנט צינדט מען ליכט
אין טרויער אין מידן;
הײַנט זאָגט מען קדיש —
נאָך זעקס מיליאָן ייִדן.

דער גוטער שכן

אַמאָל, אַמאָל האָט אַ שלעכטער קיניג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „אַלע ייִדן מוזן פאַרלאָזן מײַן לאַנד."

די ייִדן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען אין אַ פּאָר טעג. זיי האָבן קיין זאַך ניט געטאָרט מיטנעמען.

איינער אַ ייִד האָט געהאַט געלט און צירונג. איז ער אַוועק מיט דעם צו זײַן שכן, אַ קריסט, און האָט אים געבעטן, ער זאָל עס באַהאַלטן, ביז ער וועט קענען קומען צוריק. דער קריסט האָט צוגעזאָגט צו היטן דעם ייִדנס פאַרמעגן, און דער ייִד איז אַוועק מיט אַלע ייִדן אין אַן אַנדער לאַנד.

מיט יאָרן שפּעטער איז דער שלעכטער קיניג געשטאָרבן. דער נײַער קיניג האָט דערלויבט די ייִדן קומען צוריק אין זייער לאַנד.

דער ייִד, וואָס האָט איבערגעלאָזט זײַן פאַרמעגן בײַם שכן, איז אויך געקומען צוריק מיט אַלע ייִדן. ווען ער איז געקומען אַהיים האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער שכן בײַ וועמען ער האָט איבערגעלאָזט זײַן פאַרמעגן, איז געוואָרן אַ גרויסער אָרעמאַן. ער וואוינט ערגעץ זייער ווײַט אין אַ שטיבל הינטער דער שטאָט.

דעם ייִד האָט זייער פאַרדראָסן וואָס זײַן פרײַנד איז געוואָרן אַן אָרעמאַן. איז ער אַוועק אים אויפזוכן און זען וואָס ער מאַכט.

ער האָט געפונען זײַן פרײַנד אין אַ קאַלט נידעריק שטיבל. זײַן פרײַנד איז געווען הונגעריק און האָט געציטערט פון קעלט. ווען דער ייִד האָט דערזען אַזאַ אָרעמקייט, האָט ער שוין ניט געוואָלט דערמאָנען וועגן זײַן געלט און צירונג.

דער פרײַנד אָבער האָט באַלד געעפנט אַ קאַסטן און האָט געזאָגט:

— „אַט איז דײַן גאַנץ פֿאַרמעגן! איך האָב עס פֿאַר דיר אָפּגעהיט.“

— „וואָס?“ — האָט דער ייִד אויסגעשריִען. — „דו לעבסט אין אַזאַ אָרעמקייט און האָסט אַפֿילו ניט אָנגע־רירט מײַן געלט?“

— „אַוודאי ניט,“ — האָט דער פֿרײַנד געענטפֿערט. — „דו האָסט עס מיר געטרויט, און איך האָב דיר צוגעזאָגט עס אָפּצוהיטן.“

— „דו ביסט אַ גוטער פֿרײַנד,“ — האָט געזאָגט דער ייִד. — „מער וועסטו שוין ניט דאַרפֿן לעבן אין אָרעמקייט.“

ער האָט אָפּגעגעבן אַ העלפֿט פֿון זײַן פֿאַרמעגן צו דעם שכן, און זיי האָבן געלעבט ווי פֿרײַנד און ווי ברידער.

פֿאַרמעגן	אָפּהיטן	אַוודאי	געטרויען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָבן ייִדן געמוזט פֿאַרלאָזן זייערע היימען?
2. וועמען האָט אַ רײַכער ייִד איבערגעגעבן זײַן פֿאַרמעגן?
3. וואָס איז געשען מיט דעם מענטשן וואָס האָט געהאַלטן דעם ייִדנס פֿאַרמעגן?
4. האָט דער ייִד באַקומען צוריק זײַן פֿאַרמעגן?
5. ווי האָט דער ייִד באַלוינט זײַן גוטן שכן?

דער קליינער העלד

אין דער שטאָט ירושלים איז געווען אַ מלחמה צווישן ייִדן און אַראַבער. די אַראַבער האָבן אַרומגערינגלט די ייִדן פֿון ירושלים און נישט געלאָזט מע זאָל זיי ברענגען שפּייַז צו עסן און וואַסער צו טרינקען.

אין איין הויז זייַנען געבליבן נאָר אַ זיידע און אַ באָבע מיט אַ ייִנגל פֿון נייַן יאָר. ער האָט געהייסן שלמה.

דער פֿאָטער און די מוטער זייַנען ביידע אַוועק אויף מלחמה. דער פֿאָטער איז געווען אין דער אַרמיי און די מוטער האָט געהאָלפֿן היילן קראַנקע. אין שטוב איז נאָך געווען וואָס צו עסן, אָבער עס איז נישט געווען קיין וואַסער צו טרינקען. דער זיידע און די באָבע האָבן זייער געוואָלט טרינקען, און קיין ביסל וואַסער איז ניט געווען.

ווען עס איז געקומען די נאַכט, איז דער קליינער שלמה אַרויס פֿון הויז. שטיל איז ער געגאַנגען איבער דער גאַס, ביז ער איז געקומען צו אַ ברונעם מיט וואַסער. ער האָט אָנגעשעפּט אַ קרוג מיט וואַסער און געבראַכט אַהיים דאָס וואַסער פֿאַרן זיידן און דער באָבען. דער זיידע און די באָבע האָבן געטרונקען דאָס וואַסער און האָבן געזאָגט: — „ביסט אַ העלד, שלמה, אַ העלד!"

שלמה	מלחמה	ירושלים

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואו זייַנען געווען שלמהס פֿאָטער און מוטער?
2. פֿאַרוואָס האָבן שלמהס זיידע און באָבע ניט געהאַט קיין וואַסער?
3. וואָס האָט שלמה געטאָן בייַנאַכט?
4. פֿאַרוואָס איז שלמה אַ העלד?

פּרץ און ייִדישע קינדער

עס איז געווען אַ מלחמה. אין דער שטאָט וואַרשע זײַנען אָנגעקומען אַ סך קינדער וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פֿאָטער און קיין מוטער.

אין דער שטאָט וואַרשע האָט געלעבט דער גרויסער ייִדישער שרײַבער פּרץ. ער האָט געזאָרגט פֿאַר די קינדער וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פֿאָטער און קיין מוטער. ער האָט פֿאַר די קינדער געפֿונען היימען. מען האָט די קינדער געגעבן אַן אָרט צו שלאָפֿן און שפּײַז צו עסן.

יעדן טאָג איז דער שרײַבער געקומען צו די קינדער און ער האָט פֿאַר זיי געמאַכט פֿריילעכע לידעלעך. פּרץ האָט זייער ליב געהאַט קינדער און געוואָלט אַז זיי זאָלן האָבן אַלץ וואָס זיי דאַרפֿן און אַז די קינדער זאָלן זײַן פֿריילעך.

אָט איז איינס פֿון די לידעלעך וואָס פּרץ האָט געמאַכט פֿאַר די קינדער:

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אין דעם בלומענקראַנץ.
זעסט — דער הימל לאַכט מיט טרערן,
וועסט אין גיכן אַ כּלה ווערן.

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אין דעם בלומענקראַנץ.

די קינדער האָבן געטאַנצט און האָבן פֿאַרגעסן אַז עס איז אַ מלחמה.

פּרץ	מלחמה	כּלה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי אַזוי האָבן די קינדער פֿאַרלוירן זייער פֿאָטער און מוטער?
2. ווער האָט געזאָרגט פֿאַר די קינדער?
3. וואָס האָט דער גרויסער שרײַבער פּרץ געטאָן פֿאַר די קינדער?

אַרבעט



דערצייל וואָס עס טוען די מענטשן.



ווער קען צוטראַכטן אַ מעשהלע צו דעם בילד?

ל״ג בעומר

די ל״ג־בעומר־פֿייל

א

עס איז ל״ג־בעומר. גייען קינדער אַרויס אין פֿעלד מיט פֿייל־און־בויגנס. האָט אַ יינגעלע אויסגעשאָסן אַ פֿייל פֿון בויגן. אָבער בײַם שיסן האָט ער אָנגעזאָגט דער פֿייל:

— „הערסט, פֿייל? דו זאָלסט קיין שום פֿייגעלע ניט פֿאַרטשעפּען! פֿלי גלאַט אין דער וועלט אַרײַן!"

אָבער די פֿייגעלעך האָבן דערזען די פֿייל און האָבן זיך דערשראָקן. זיי האָבן דאָך ניט געוואוסט אַז דאָס איז אַ ל״ג־בעומר־פֿייל. האָבן די פֿייגעלעך זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט, די פֿייל זאָל זיי ניט טרעפֿן. האָט די פֿייל געזאָגט צו די פֿייגעלעך:

— „ליבע פֿייגעלעך, כּשרע אייגעלעך, שרעקט זיך ניט פֿאַר מיר, איך בין נאָר אַ ל״ג־בעומר־פֿייל. איך וועל פֿליִען אַ ווײַל, דערנאָך וועל איך אויף דער ערד פֿאַלן און זיך רוען."

אָבער די פֿייגעלעך האָבן דאָך זיך געשראָקן, ווײַל זייערע מאַמעס האָבן זיי אָנגעזאָגט: — „געטרויט ניט אַ פֿייל! וואָס גיכער אַוועק פֿון איר!"

נאָר איין קליין מוטיק פֿייגעלע האָט געפֿרעגט בײַ דער פֿייל:

— „איך וויל וויסן, אויב ניט צום שיסן, וואָס זשע פֿליסטו? גלאַט אין דער וועלט אַרײַן?"

— „יאָ, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן," — האָט די פֿייל געזאָגט, — „איך בין דאָך אַ ל״ג־בעומר־פֿייל."

— „און וואָס איז אַ ל״ג־בעומר־פֿײַל?״ — האָט דאָס פֿייגעלע ווידער געפֿרעגט.

— „עס איז בײַ ייִדישע קינדער אַזאַ יום־טובֿ. זיי גייען אַרויס אין וואַלד און אין פֿעלד. זיי שפּילן זיך. זיי שיסן פֿײַלן — ניט אין פֿייגעלעך. זיי שיסן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. זיי זײַנען גוטע קינדער.״

האָבן די פֿייגעלעך שוין מער זיך ניט געשראָקן פֿאַר דער פֿײַל. די ליבע פֿייגעלעך מיט די כּשרע אייגעלעך זײַנען נאָכגעפֿלויגן דער פֿײַל און האָבן איר געווּנטשן:

— „אַ גוט יום־טובֿ דיר, אַ גוט יום־טובֿ דיר, ל״ג־בעומר־פֿײַל!״

ב

אָבער ווי ווײַט קען פֿליִען אַ פֿײַל וואָס מען האָט זי אויסגעשאָסן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן? זי איז געפֿלויגן און געפֿלויגן, ביז די כּוחות זײַנען איר אויסגעגאַנגען און זי איז אַראָפּגעפֿאַלן. גייען פֿאַרבײַ ייִנגעלעך מיט פֿײַל־און־בויגנס. צווישן זיי איז געווען דאָס ייִנגעלע וואָס האָט אויסגעשאָסן די פֿײַל. דאָס ייִנגעלע האָט דערקענט זײַן פֿײַל, זי אויפֿגעהויבן און געוויזן:

— „זעט, קינדער, דאָס איז מײַן פֿײַל! דאָס איז די פֿײַל וואָס איך האָב פֿריִער אויסגעשאָסן!״

— „ווי אַזוי ווייסטו אַז דאָס איז די פֿײַל וואָס דו האָסט אויסגעשאָסן?״ — פֿרעגן אים די ייִנגלעך.

— „איך האָב געמאַכט אַ מגן־דוד אויף איר,״ — האָט דאָס ייִנגעלע געענטפֿערט, — „איר זעט דעם מגן־דוד אויף מײַן ל״ג־בעומר־פֿײַל?״

— „טאַקע, טאַקע!״ — האָבן די קינדער געזאָגט, — „אָט איז דער מגן־דוד.״

און דאָס ייִנגעלע האָט גענומען די פֿײַל מיטן מגן־דוד,

האָט אָנגעשטעלט דעם בויגן און האָט ווידער אויסגעשאָסן די פֿײַל גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. די פֿײַל האָט אויפֿגע־הויבן זיך זייער הויך, אַז מען האָט זי מער ניט געקענט זען. און די פֿייגעלעך האָבן זיך פֿאַר דער פֿײַל ניט געשראָקן. זיי האָבן שוין געוואוסט אַז הײַנט איז ל״ג־בעומר און אַז ל״ג־בעומר־פֿײַלן טוען קיינעם ניט קיין שלעכטס. די פֿייגעלעך האָבן געהערט ווי די ייִדישע קינדער זינגען:

ל״ג־בעומר, ל״ג־בעומר,
זיצט, פֿייגעלעך, אויף ביימער.

פֿליט אַ פֿײַל פֿון בויגן
אָן פֿליגל און אָן אויגן.

האָט ניט מורא, פֿייגעלעך,
מאַכט ניט צו די אייגעלעך!

און די פֿייגעלעך האָבן די אייגעלעך ניט צוגעמאַכט. זיי האָבן געקוקט ווי עס פֿליט די ל״ג־בעומר־פֿײַל מיטן מגן־דוד און פֿליט, פֿליט און פֿליט, ביז זי פֿאַלט אַרײַן אין אַ טײַכל.

האָבן די פֿישעלעך זיך דערשראָקן. זיי האָבן געמיינט אַז דאָס איז אַ ווענטקע צו כאַפּן זיי. אָבער די פֿײַל האָט זיי דערציילט:

— „איך בין נאָר אַ ל״ג־בעומר־פֿײַל.“

האָבן די פֿישעלעך גענומען טאַנצן און פּאַטשן מיט די עקלעך. און די פֿײַל איז אַרויפֿגעשוואומען אויפֿן וואַסער. און די פֿײַל איז געשוואומען און געשוואומען אויפֿן וואַסער, ביז דאָס ייִנגעלע איז געקומען און האָט זי אַרויסגענומען. ער האָט זי גלײַך דערקענט:

— „דאָס איז דאָך מײַן ל״ג־בעומר־פֿײַל!“

— „ווי אַזוי ווייסטו אַז דאָס איז דײַן פײַל?"
— „איך האָב געמאַכט אַ מגן־דוד אויף איר. איר זעט? אָט איז דער מגן־דוד אויף מײַן ל"ג־בעומר־פײַל!"
און אַלע זײַנען געווען גליקלעך: די פֿייגעלעך, די פֿישעלעך און דאָס יינגעלע מיט זײַן ל"ג־בעומר־פײַל.

כּשר	יום־טוב	כּוחות	מגן־דוד	מורא

פ ר אַ ג ע ס:

1. ווען גייען יידישע קינדער אַרויס אין פֿעלד מיט פײַל און בויגנס?
2. וואָס האָט דאָס יינגעלע אָנגעזאָגט דער פײַל?
3. וואָס האָבן די פֿייגעלעך געמיינט?
4. וואָס האָט די פײַל דערציילט די פֿייגעלעך?
5. ווי אַזוי איז די פײַל אַרײַן אין וואַסער?
6. וואָס האָבן די פֿישעלעך געמיינט?
7. ווי אַזוי האָט דאָס יינגעלע דערקענט זײַן פײַל?



טיטאַ און פּיטאַ

טיטאַ איז אַ הינטעלע,
אַ קליינער און אַ גוטער.
טרינקט ער מילך פון טעצל,
עסט ער ברויט מיט פּוטער.

און מע וואַשט אים יעדן טאָג,
און מע קעמט אים אויס.
אין אַ ווייך און וואַרעם בעטל
רוט זיך טיטאַ אויס.

פּיטאַ איז אַ יינגעלע —
סאַמע הויט און ביין.
האָט ער ניט קיין ברויט צו עסן,
האָט ער ניט קיין היים.

קלייבט ער דאַרע ברעקלעך אויף,
פון יעדער מיסט און קויט,
און ווערט אַנטשלאָפן אויף אַ שוועל,
חלומט ער פון ברויט . . .

דאָס ברעקל ברויט	חלומען

פ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז טיטאַ? ווער איז פּיטאַ?
2. פאַרוואָס איז טיטאַן גוט?
3. פאַרוואָס איז פּיטאַן שלעכט?

מיט מענטשן אָדער אָן מענטשן?

אַמאָל איז געווען אַ יינגל, האָט מען אים גערופֿן קאַפּל. ער האָט זיך אַרײַנגעגנומען אין קאָפּ אַ געדאַנק — אַז אָן מענטשן איז בעסער ווי מיט מענטשן.

ליגט ער זיך איין מאָל שלאָפֿן און טראַכט: ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער זאָל זײַן איינער אַליין אויף דער גאַנ־צער וועלט.

דערווײַל איז ער אײַנגעשלאָפֿן.

חלומט זיך אים, אַז ער איז אין וואַלד איינער אַליין. אַ ווינטל בלאָזט, אַ רעגן פֿאַלט, און ער איז נאַקעט. ציטערט ער פֿאַר קעלט און וויינט.

באַווײַזט זיך אַן אַלטער מאַן און זאָגט:

— „קאַפּעלע, וואָס וויינסטו? האָסט דאָך געוואָלט זײַן אַליין — ביסטו אַליין."

— „יאָ," — זאָגט קאַפּל, — „אָבער וואו זײַנען מײַנע קליידער? מײַן קישן און מײַן קאָלדרע?"

— „קליידער, מײַן קינד, פֿאַלן ניט פֿון הימל און וואַקסן ניט אין וואַלד. קליידער נייען שנײַדערס פֿון שטאָף. דעם שטאָף האָבן אַרבעטער געמאַכט."

— „גוט," — זאָגט קאַפּל, — „איצט פֿאַרשטיי איך שוין, אַז אָן מענטשן וואָלט איך קיין קליידער ניט געהאַט. גיט מיר מײַנע קליידער, ס'איז מיר קאַלט."

דער אַלטער איז אַוועק און געבראַכט קאַפּלען די קליי־דער. קאַפּל האָט זיך אָנגעטאָן. אים איז וואַרעם געוואָרן און ער האָט זיך צעלאַכט:

— „נו, איצט וועל איך זיך שוין באַגיין אָן מענטשן."

— „און עסן?" — פֿרעגט דער אַלטער.

— „כ'וועל שיסן פֿייגל און עסן," — רופֿט זיך אָן קאַפּל.

— „מיט וואָס וועסטו שיסן? מיט אַ בעזעם?"

— „כ׳וועל נעמען בײַם ברודער אַ ביקס און שיסן.״
— „און וואו האָט דײַן ברודער די ביקס גענומען? די ביקס האָבן אַרבעטער געמאַכט.״

קאַפּלען האָט זיך דערווײַל פאַרוואָלט עסן, נאָר זאָגן דעם אַלטן שעמט ער זיך. דער אַלטער וועט ווידער זאָגן, אַז אָן מענטשן קען מען אַפילו קיין עסן ניט האָבן.

דער אַלטער קוקט קאַפּלען אין די אויגן און פרעגט:

— „אַז דו שטייסט אויף פון שלאָף, וואָס טוסטו?״

— „וואָס זאָל איך טאָן? איך וואַש זיך.״

— „און וואו נעמסטו וואַסער?״

— „פון קראַן.״

— „און ווער האָט עס געמאַכט? באַטראַכט אַלץ, וואָס בײַ אײַך איז פאַראַן אין שטוב, דײַנע ביכער, העפטן און זאָג: קאָן אַ מענטש לעבן אויף דער וועלט אָן מענטשן?״

— „ניין, טײַערער זיידע!״ — האָט אויסגערופן קאַפּל און זיך אויפגעכאַפּט.

ער קוקט און זעט אַז ער איז אין בעט, ניט אין וואַלד.

פון גרויס פרייד איז ער אַראָפּ פון בעט און אויסגערופן:

— „זאָלן לעבן די מענטשן וואָס אַרבעטן!״

יושר פאַר אַרבעטער

עס איז געווען אַמאָל אַ תּלמיד פון אַ גרויסן רבין. האָט דער תּלמיד געדונגען אַ פּאָר אַרבעטער, זיי זאָלן אַריבערטראָגן אַ פאַס ווײַן. בײַם טראָגן האָט די פאַס זיך צעבראָכן און דער ווײַן האָט זיך אויסגעגאָסן.

דער תּלמיד איז געוואָרן זייער אין כּעס. ער האָט אַראָפּגעריסן די רעקלעך פון די אַרבעטער. זײַנען די אַרבעטער אַוועק צום רבין און האָבן אים דערציילט:

— „מיר האָבן געטראָגן אַ פאַס ווײַן פאַר אײַער תּלמיד.

די פּאַס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אונדזערע הענט און דער ווײַן האָט זיך אויסגעגאָסן. אײַער תּלמיד איז געוואָרן זייער אין כּעס אויף אונדז און האָט פֿון אונדז אַראָפּגעריסן אונדזערע רעקלעך. זאָגט אונדז, רבי, האָט ער געדאַרפֿט אַזוי טאָן?"

דער רבי האָט גלײַך געהייסן זײַן תּלמיד, ער זאָל אָפּגעבן די אַרבעטער זייערע רעקלעך. דער תּלמיד איז געשטאַנען אַ פֿאַרשעמטער און האָט געזאָגט:

— „איר זײַט גערעכט, רבי!"

די אַרבעטער זײַנען אָבער ניט אַוועק און זיי האָבן ווײַטער גערעדט:

— „עס איז שוין אין מיטן טאָג. מיר וועלן שוין קיין אַנדער אַרבעט ניט קריגן. ווילן מיר אַז אײַער תּלמיד וואָס האָט אונדז געדונגען זאָל אונדז באַצאָלן פֿאַר אַ טאָג אַרבעט."

— „איר זײַט גערעכט," — האָט דער רבי געזאָגט צו די אַרבעטער. און צו זײַן תּלמיד האָט ער געזאָגט: — „באַצאָל זיי פֿאַרן טאָג אַרבעט!"

— „איך פֿאַרשטיי אײַך ניט, רבי", — האָט דער תּלמיד געזאָגט, — „די אַרבעטער האָבן מיר אָנגעמאַכט שאָדן. איך קען פֿון זיי פֿאַרן שאָדן קיין זאַך ניט קריגן. אָבער באַצאָלן זיי פֿאַר דער אַרבעט דאַרף איך דאָך ניט. דאָס איז דאָך ניט קיין יושר!"

— „יאָ, עס איז יושר," — האָט דער רבי רואיק געענטפֿערט, — „דו האָסט טאַקע געהאַט שאָדן, אָבער זיי, זייערע ווײַבער און קינדער וועלן הײַנט זײַן הונגעריק, אויב דו וועסט זיי ניט באַצאָלן פֿאַרן טאָג אַרבעט. טאָ זײַ אַזוי גוט און באַצאָל זיי."

דער תּלמיד האָט באַדאַנקט דעם רבין און געזאָגט:

— „איך האָב הײַנט געלערנט פֿון אײַך זייער אַ וויכטיקע זאַך — יושר פֿאַר אַרבעטער."

תלמיד	רבי	געדונגען	אין כעס

פ ר אַ ג ע ס :

1. צו וואָס האָט דער תלמיד געדונגען אַרבעטער ?
2. וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם ווײַן ?
3. וואָס האָט דער תלמיד געטאָן ?
4. וואָס האָט דער רבי אים געהייסן טאָן ?
5. וואָס האָבן די אַרבעטער נאָך געוואָלט ?
6. וואָס האָט דער רבי געזאָגט ?
7. האָט דער רבי גוט געטאָן ?

אַ פּאָר קליינע שיכעלעך

אָט־אָ איז אַ הויכער באַרג, אָט־אָ — נידעריק אַ טאָל.
זיצט אַ שוסטער אויפֿן באַרג מיט אַ האַמער, מיט אַ נאָל.
קלאַפּט דער שוסטער, קלאַפּט דרײַ מאָל:
איינס, צוויי, דרײַ — אויף גיך.
שטעכט דער שוסטער מיטן נאָל —
וואַקסן אוים צוויי קליינע שיך.
זאָגט דער שוסטער:
— „שיכלעך, גייט!"
גייען שיכעלעך אַוועק וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק;
גייען שיכעלעך אַרום וואו דער שוסטער שיקט זיי אום.
— „גייט נאָך ברוים!"
— „מיר זײַנען גרייט!"
— „גייט נאָך זאַלץ!"
— „אָט־אָ באַלד!"
— „גייט נאָך כריין!"
— „אָט־אָ שוין!"

איין מאָל נעמען שיכלעך גיין; בײַ אַ טויער בלײַבן שטיין. קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל איינס, קלאַפּט דאָס לינקע שיכל צוויי. עפֿנט זיך אַ טיר פֿאַר זיי. קומען שיכעלעך אַרײַן, זיצט אַ באָרוועס קינד אַליין.

בלײַבן שיכלעך דאָרטן שטיין, ווילן שוין צוריק ניט גיין.
און דער שוסטער אויפֿן באַרג — וואַרט און וואַרט, וואַרט
און וואַרט . . .

דער אַלטער שנײַדער דאָדל

דער אַלטער שנײַדער דאָדל
פֿאַרלירט די שאַרפֿע נאָדל.
מיט וואָס זשע וועט ער נייען
אַ קלײדעלע פֿאַר לאהן ?

ער טוט אָן די שפּאַקולן
און שרײַט : — „הערט אויף צו דולן.
איך זוך שוין פֿון באַגינען
און קען זי נישט געפֿינען.“

— „דו אַלטער שנײַדער דאָדל,
דו האַלטסט אין לאָך די נאָדל.
אַצינד קענסטו שוין נייען
אַ קלײדעלע פֿאַר לאהן !“

דער אַלטער שנײַדער דאָדל
צעזינגט זיך — טי־ראַ־ראָדל.
אַ שנײַדערל אַ זינגער
צעשטעכט זיך באַלד דעם פֿינגער.

איז אויס שוין מיטן נייען
אַ קליידעלע פֿאַר לאהן.
דער אַלטער שניידער דאָדל
צעבֿרעכט פֿאַר כּעס די נאָדל.

דער שניידער מאַכט געשרייען
אויף מאַמען און אויף לאהן.
מיט לאַפּקעס שלעפּט דאָס קעצל
דעם פֿאָדעם פֿונעם קלעצל.

דער פֿאָדעם | צעשטעכט זיך | כּעס | לאה





מע רוקט דעם זייגער

א. דער טאַטע קומט פֿרי אַהיים

שׂרהלעס טאַטע איז איין מאָל אַהיים געקומען פֿון דער אַרבעט פֿרי. האָט די מאַמע געפֿרעגט:

— „וואָס איז געשען?”

— „גאָרנישט,” — האָט דער טאַטע געזאָגט און געלאַכט.

— „ביסט עפּעס נישט געזונט?”

— „ניין.”

— „סטרײַקסטו?”

— „ניין.”

— „וואָס זשע דען?” — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

— „טרעף!”

שרהלעס מאַמע האָט געקלערט און געקלערט און באַלד זיך דערמאָנט:

— „אהאַ! כ'האָב גאָר פאַרגעסן. מען האָט דאָך הײַנט גערוקט דעם זייגער."

שרהלע האָט זיך אויך געוואונדערט וואָס דער טאַטע איז אַהיים געקומען פריִער. ווען זי האָט געהערט, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס מען האָט גערוקט דעם זייגער, האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט.

— „מאַמע," — האָט זי געפרעגט, — „אַז מע רוקט דעם זייגער, קומט דער טאַטע אַהיים פריִער?"

— „יאָ."

— „קאָן מען דאָך אַלע טאָג רוקן דעם זייגער!"

ב. די קינדער פרייען זיך

די מאַמע מיטן טאַטן האָבן געלאַכט. שרהלע איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס צו אירע חברים מיט אַ שמחה:

— „מײַן טאַטע איז הײַנט געקומען פרי, ווײַל מע האָט גערוקט דעם זייגער."

— „און מײַן טאַטע איז אויך געקומען פרי," — האָט בערעלע געזאָגט.

— „און מײַנער אויך," — האָט יאַנקעלע צוגעגעבן.

— „אַז מע רוקט די זייגערס, קומען די טאַטעס אַהיים פרי."

— „מע דאַרף אַלע טאָג רוקן די זייגערס!"

— „איך ווייס ווי אַזוי מע רוקט אַ זייגער," — זאָגט שרהלע.

— „איך אויך."

— „און איך," — זאָגט יאַנקעלע, — „וועל זאָגן מײַן מאַמען, וועט זי מיר ווײַזן."

דעם אוונט זײַנען די קינדער געווען זייער פריילעך.

ג. די קינדער ווייסן שוין וואָס צו טאָן

אויף מאָרגן, ווען דער זייגער איז געווען פיר, האָבן אַלע קינדער פון דער גאַס איבערגערוקט די זייגערס אויף אַ שעה און אַרויסגעלאָפן וואַרטן אויף די טאַטעס.

— „מײַן טאַטע,“ — האָט געזאָגט שׂרהלע, — „וועט באַלד קומען. איך האָב גערוקט דעם זייגער אויף אַ שעה.“

— „און מײַנער אויך,“ — האָט געזאָגט בערעלע, — „איך האָב גערוקט דעם זייגער אויף צוויי שעה.“

— „און איך,“ — האָט געזאָגט יאַנקעלע, — „האָב אַראָפּגערוקט בײדע ווײַזערס אונטן.“

— „אויב אַזוי, דאַרף שוין זײַן בײַ דיר נאַכט!“

— „עס איז שוין נאַכט.“

— „פאַרוואָס זשע איז נישט פינצטער?“ — האָט בערעלע געפרעגט.

— „ווײַל... די נאַכט ווייס נישט, אַז איך האָב גערוקט דעם זייגער.“

— „דאַרפסט דעם זייגער אַרויסנעמען אין גאַס, וועט זי זען.“

שׂרהלע האָט געלאַכט:

— „די נאַכט קוקט נישט אויף יאַנקעלעס זייגער. זי האָט אַליין אַ זייגער...“

ד. אומזיסט געוואַרט

די קינדערלעך זײַנען דעם טאָג געשטאַנען און געוואַרט. אָבער די טאַטעס זײַנען נישט געקומען.

— „פאַרוואָס קומען זיי נישט?“ — האָט יאַנקעלע געפרעגט.

— „איך גיי פרעגן מײַן מאַמען.“

— „איך אויך.“

שׂרהלע איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב צו דער מאַמען מיט אַ טענה:

— „דער טאַטע קומט נישט.“

— „וואָס ווילסטו, מיידעלע, עס איז נאָך פֿרי.“

— „ניין, עס איז שוין נישט פֿרי. איך האָב געדרוקט דעם זייגער.“

— „אָבער דער טאַטע וויס דאָך נישט . . .“

ווען דער טאַטע איז געקומען, האָט אים שׂרהלע געזאָגט:

— „טאַטע, מאָרגן זאָלסטו קומען פֿרי, איך וועל רוקן דעם זייגער.“ — דער טאַטע האָט געלאַכט:

— „יאָ. אָבער אין פֿאַבריק איז דאָך דאָ אַן אַנדער זייגער.“

שׂרהלע לויפֿט צו צום טיש, כאַפּט דעם זייגער און גיט אים דעם טאַטן.

— „נאָ! נעם מיט דעם זייגער צו דער אַרבעט און קוק אויף מײַן זייגער און נישט אויפֿן זייגער פֿון דער פֿאַבריק.“

ה. ווען די קינדער וועלן גרויס ווערן

אין אָוונט האָבן שוין אַלע קינדער פֿון דער גאַס געוואוסט, אַז רוקן דעם זייגער פֿון שטוב העלפֿט גאָרנישט.

— „מע דאַרף רוקן דעם זייגער פֿון פֿאַבריק.“

— „מע דאַרף רוקן אַלע זייגערס פֿון דער גאַנצער שטאָט.“

און די קינדער רעדן אָפּ, אַז ווען זיי וועלן ווערן גרעסער, וועלן זיי גיין איבער אַלע גאַסן, אין אַלע פֿאַבריקן, אומעטום וועלן זיי רוקן פֿאָרויס די זייגערס, אַז די טאַטעס זאָלן אַהיים קומען פֿרי און נישט דאַרפֿן אַזוי פֿיל אַרבעטן.

שׂרה	זיך געוואונדערט	שׂמחה	שעה	טענה

פ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס ווילן קינדער אַז די טאַטעס זאָלן קומען פֿרי אַהיים?
2. פאַרוואָס זײַנען איין מאָל די טאַטעס געקומען פון דער אַר־בעט מיט אַ שעה פריִער?
3. זײַנען די טאַטעס געקומען פרי ווען די קינדער האָבן אַליין גערוקט די זייגערס?
4. וואָס האָבן די קינדער אָפּגערעדט צו טאָן ווען זיי וועלן גרויס ווערן?

שלום־עליכם און אַ שוואַרצער יינגל

שלום־עליכם האָט שפּאַצירט מיט זײַנעם אַ יונגן פרײַנד, אַ יידישן שרײַבער. גייען זיי ביידע פאַרבײַ אַ ניט־פאַרבויטן פּלאַץ אין אַ ניט־יידישער געגנט. זעען זיי, ווי קינדער שפּילן זיך. שטעלט זיך שלום־עליכם אָפּ און קוקט זיך צו. שלום־עליכם האָט הנאה געהאַט פון דעם ווי קינדער שפּילן זיך.

דערזעט שלום־עליכם אַז אין אַ זײַט שטייט אַ שוואַר־צער יינגל פון אַ יאָר זעקס צי זיבן. ער קוקט מיט זײַנע גלאַנ־ציקע אויגן אויף די קינדער. ער וואָלט געוואָלט מיטשפּילן, אָבער ער האָט מורא — אפשר וועט מען אים אַוועקטרײַבן.

שלום־עליכם שטייט אַזוי און קוקט. קומט צו לויפן אַ יינגל מיט רויטע האָר און מיט אַ רונד פּנים. ער האַלט אַ שטיק קוכן אין מויל און גאָר אַ גרויס שטיק אין דער האַנט. ער קומט צו צו די קינדער.

די קינדער רינגלען אַרום דעם יינגל מיטן קוכן און דער יינגל נעמט טיילן יעדערן אַ ביס. יעדער קינד קריגט אַ ביס — ווער אַ גרעסערן, ווער אַ קלענערן.

דער שוואַרצער יינגל קוקט פון ווײַטן. זײַנע אויגן גלאַנצן נאָך מער. ער־שטעלט עטלעכע טריט צוצוקומען נעענטער. אָבער ער גייט ניט צו. קיינער קוקט ניט אין זײַן זײַט. די אויגן בײַם שוואַרצן יינגל ווערן טרויעריקער און פײַכטער.

שלום־עליכם בעט זײַן יונגן פרײַנד:

— „לויפט צו אין בעקעריי און ברענגט אַ שטיק קוכן, אָבער קויפט דעם בעסטן וואָס איר קענט קריגן!"

יענער האָט עס געטאָן. דער שוואַרצער יינגל האָט מיט דאַנק צוגענומען דאָס שטיק קוכן וואָס שלום־עליכם האָט אים געגעבן. צו זיינע ווייסע „פֿריינד" איז ער שוין ניט צו־ריקגעגאַנגען.

— „אַזוי יונג און שוין נעבעך פֿאַרשוואַרצט!" — זאָגט שלום־עליכם, אַזוי ווי ער גיט זיך אַ זאָג אין זיינע מעשׂיות: האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס.

הנאה	מורא	אפשר	פּנים

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווייסן מיר פֿון דער מעשׂה אַז שלום־עליכם האָט ליב גע־האַט קינדער?
2. וואָס האָט ער געזען אויף אַ ניט־פֿאַרבויטן פּלאַץ?
3. ווער איז געשטאַנען אין אַ זייט און זיך ניט געשפּילט מיט די קינדער?
4. וואָס האָט אַ יינגל געגעבן די קינדער?
5. האָט דער שוואַרצער יינגל אויך באַקומען אַ שטיק קוכן?
6. וואָס האָט שלום־עליכם געבעטן זיין יונגן פֿריינד?
7. וואָס האָט שלום־עליכם געזאָגט וועגן שוואַרצן יינגל?

קינדערלעך שפּילן זיך

קינדערלעך שפּילן זיך
אין גליקלעכער שעה,
היינט איז זונשיין
און מאָרגן ניטאָ.

גלעקעלעך קלינגען —
אַ זילבערנער קלונג!
נאָך אַ מאָל, קינדער,
אַ זונג און אַ שפּרונג!

אין גאַס



דערצייל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

מוטערסטאָג



אויפֿגעשטאַנען זײַנען מיר
פֿריִער פֿאַרן מאָרגן.
הײַנט איז מאַמעס יום־טובֿ־טאָג,
דאַרף זי גאָרנישט זאָרגן.

אויסגערייניקט, אויפֿגערוימט
האָבן מיר די דירה.
מעג די מאַמע גיין אַ טאַנץ
מיט די קינדער אירע.

מוטערסטאָג

אַלע קינדער האָבן זיך געגרייט צו מוטערסטאָג. אין שול האָט מען זיך אויך געגרייט צו מוטערסטאָג און דער לערער האָט געזאָגט די קינדער, אַז זיי זאָלן אָנשרײַבן אַ קאָמפּאָזיציע וועגן דער מאַמען.

דודל האָט נישט געוואוסט ווי אָנצוהייבן די קאָמפּאָזי־ציע. אין אָוונט האָט ער געפרעגט דעם טאַטן וואָס ער זאָל שרײַבן אין דער קאָמפּאָזיציע וועגן דער מאַמען. דודלס טאַ־טע האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— „וייער איינפאַך, שרײַב אַזוי: אַלע מאַמעס זײַנען שלעכט, אָבער מײַן מאַמע איז די ערגסטע. אין דער פרי הייסט זי מיר אויפשטיין, זי הייסט מיר זיך וואַשן מיט קאַלט וואַסער, זי הייסט מיר מאַכן די היימאַרבעט, זי הייסט מיר טאָן אַלע זאַכן וואָס איך וויל ניט טאָן.“

דודל האָט געלאַכט: „אַזוי טוען אַלע גוטע מאַמעס.“

— „נו, אויב דו ווייסט וואָס אַלע גוטע מאַמעס טוען, שרײַב אַליין די קאָמפּאָזיציע.“

אַלע קינדער האָבן אָנגעשריבן קאָמפּאָזיציעס וועגן דער מאַמען. דודלס קאָמפּאָזיציע איז געווען די בעסטע. ער האָט אָנגעהויבן די קאָמפּאָזיציע מיט אַ ליד:

אַלצדינג קריגט מען דאָך צו קויפן,
אַלצדינג קריגט מען אין דער וועלט,

נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע,

נאָר זי קריגט מען נישט פאַר קיין געלט.

דער לערער האָט זייער געלויבט דודלען פאַר דער שיי־נער קאָמפּאָזיציע.

ווען דודל איז געקומען אַהיים האָט ער געלייענט דער מאַמען זײַן קאָמפּאָזיציע. די מאַמע האָט אים געקושט, גע־גלעט און זי האָט געפרעגט:

— „הייסט עס אַז דו האָסט אַ גוטע מאַמע?"

— „די בעסטע", — האָט דודל געזאָגט.

שפּעטער איז דודל אַרויס זיך שפּילן מיט די חברים. עס איז שוין געוואָרן אָוונט און דודלס מאַמע איז אַרויסגעקומען אין גאַס און גענומען רופן איר קינד:

— „דודל, דודל!"

אָבער דודל האָט נישט געהערט ווי די מאַמע רופט. די מאַמע האָט אים געדאַרפט נאָכיאָגן און אָנכאַפּן בײַ דער האַנט: — „דודל!"

— „וואָס איז?" — האָט דודל געפרעגט.

— „דער טאַטע קומט באַלד אַהיים. גיי אין קראָם און ברענג מיר ברויט."

— „שפּעטער, מאַמע."

— „גיי שוין! איך דאַרף שוין!"

— „גיי אַליין, מאַמע, עס איז דאָך נאָר אַ טריט."

— „דודל!"

— „איך וויל זיך נאָך שפּילן."

די מאַמע האָט גאָרנישט געזאָגט מער און איז אַליין אַוועק אין קראָם קויפן ברויט.

⁂

ווען מען האָט פאַרענדיקט עסן, האָט דודל געלייענט פאַרן טאַטן די קאָמפּאָזיציע וועגן דער מאַמען. דער טאַטע

האָט געזאָגט אַז די קאָמפּאָזיציע איז אַ גוטע. אָבער די מאַמע האָט געזאָגט אַז די קאָמפּאָזיציע טויג נישט.

— „פאַרוואָס?" — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— „ווייל אַלץ וואָס דודל שרייבט איז ניט אמת," — האָט די מאַמע געזאָגט.

— „וואָס איז נישט אמת?" — האָט דער טאַטע ווידער געפרעגט.

— „ער שרייבט אַז ער האָט ליב די מאַמע, אַז אַ מאַמע קריגט מען נישט פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט, אָבער ווען איך האָב אים געשיקט קויפן ברויט..."

דודל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זיי זיינען פול געוואָרן מיט טרערן.

— „זיי מיר מוחל, מאַמע." — דודל איז צוגעקומען צו דער מאַמען, האָט זי אַרומגענומען און האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט אַלע מאָל, אַלע מאָל פאָלגן זיין מאַמען. די מאַמע האָט אים מוחל געווען.

חברים	מוחל זיין	אַרומגענומען

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס שענקט איר דער מוטער צו מוטערסטאָג?
2. איז אַ קאָמפּאָזיציע אויף יידיש אַ גוטע מתּנה פאַר דער מאַמען?
3. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט דודלען, ער זאָל שרייבן אין דער קאָמפּאָזיציע?
4. וואָס האָט דודל געשריבן אין דער קאָמפּאָזיציע?
5. פאַרוואָס האָט די מאַמע געזאָגט אַז דודל האָט געשריבן ניט אמת?
6. האָט די מאַמע מוחל געווען דודלען?
7. צי טרעפט זיך אַז איר ענטפערט אויך: „שפּעטער", ווען די מאַמע בעט עפּעס?

אַ וויגליד

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
שלאָף, מײַן טײַערער, און רו;
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמע
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלצדינג קען מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע —
מערניט איינע אויף דער וועלט.

שלאָף, מײַן טײַערער, מײַן ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו;
גוט איז דעם וואָס האָט אַ מאַמע,
אַליע־ליוליע ליוליע־ליו.



שבֿועות

פּסח אַוועק,
שבֿועות געקומען.
וואַרעמע טעג,
גרעזעלעך, בלומען.

כ׳זע אין דער הייך
פֿייגעלעך שיינע,
לויבן זיי אויך
משה רבינו.

ס׳רוישן אין וואַלד
ביימעלעך גרינע,
זאָגן אַ סוד
פֿון דעם באַרג סיני.

נאָר אויף צוויי טעג
שבֿועות געקומען;
גייט ער אַוועק —
בלײַבן אונדז בלומען.

דער סוד	באַרג סיני	משה רבינו



דאָס צענטע געבאָט

אַלע קינדער האָבן געהאַט אויף פּסח נײַע קליידער. נאָר שלמהלע האָט נישט געהאַט קיין נײַע קליידער אויף פּסח. זײַן פֿאָטער האָט ניט געאַרבעט און ער האָט ניט געהאַט קיין געלט צו קויפֿן שלמהלען נײַע קליידער אויף פּסח.

אָבער נאָך פּסח האָט דער פֿאָטער שוין געאַרבעט. אַז עס איז געקומען דער יום־טוב שבֿועות האָט שלמהלע גע־האַט נײַע קליידער. שלמהלע איז געווען זייער צופֿרידן.

שלמהלע איז געקומען אין שול. ער האָט געוויזן זײַנע חבֿרים ווי שיין ער איז אָנגעטאָן. די קליידער וואָס מען האָט געקויפֿט זײַנע חבֿרים אויף פּסח זײַנען שוין ניט געווען נײַ. שלמהלע איז איצט געווען אויסגעפּוצט.

איין ייִנגל האָט עס פֿאַרדראָסן. האָט ער געזאָגט:

— „דײַנע נײַע קליידער זײַנען מיאוס.״

די קינדער זײַנען אַרײַן אין קלאַס. אויפֿן טאָוול זײַנען געווען אָנגעשריבן די צען געבאָט. נאָר אונטן איז געווען דאָס לעצטע, דאָס צענטע געבאָט: „וויל ניט דאָס וואָס איז ניט דײַנס.״

דער ייִנגל האָט דערזען דאָס לעצטע געבאָט און ער האָט זיך פֿאַרשעמט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

שלמהלע איז געווען אַ גוטער חבֿר און ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל און געזאָגט:

— „מיר זײַנען דאָך חבֿרים ווי פֿריִער. ניט אמת?״

דער ייִנגל האָט אים געגעבן די האַנט און זיי זײַנען גע־בליבן גוטע חבֿרים.

דאָס געבאָט	פּסח	שבֿועות	אויסגעפּוצט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט שלמהלע נישט געהאַט קיין נײַע קליידער אויף פּסח?
2. וואָס האָט געזאָגט דער ייִנגל וואָס אים האָט פֿאַרדראָסן וואָס שלמהלע האָט איצט נײַע קליידער?
3. וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויפֿן טאָוול?
4. וואָס האָט דער ייִנגל איצט פֿאַרשטאַנען?

די גאַנצע תּורה אויף איין פֿוס

עס האָבן געלעבט צוויי גרויסע ייִדישע געלערנטע. איינער האָט געהייסן שמאַי און דער צווייטער האָט געהייסן הלל.

איין מאָל איז אַ ניט־ייִד געקומען צו שמאַין און האָט געזאָגט:

— „איך וויל ווערן אַ ייִד. אָבער איך וויל אַז דו זאָלסט מיך לערנען די גאַנצע ייִדישע תּורה, אָט ווי איך שטיי דאָ אויף איין פֿוס.“

שמאַי איז געוואָרן אין כּעס און האָט געענטפֿערט:

— „די ייִדישע תּורה קען מען ניט אויסלערנען אין אַ קורצער ווײַלע, אין עטלעכע מינוט. די תּורה איז גרויס און מע קען זי ניט קענען אין אַ פּאָר מינוט. גיי פֿון דאַנען. דו לאַכסט פֿון מיר!“

איז דער ניט־ייִד אַוועק צו הללן און האָט אים געזאָגט דאָס זעלביקע:

— „איך וויל ווערן אַ ייִד. אָבער איך וויל אַז דו זאָלסט מיך לערנען די גאַנצע ייִדישע תּורה, אָט ווי איך שטיי דאָ אויף איין פֿוס.“

האָט הלל אַ שמייכל געטאָן און האָט געענטפֿערט:

— „דאָס איז זייער גרינג. טו ניט אַ צווייטן וואָס דו

ווילסט ניט אַז מע זאָל עס דיר טאָן. דאָס איז די גאַנצע ייִדי־שע תּורה. אַל דאָס איבעריקע איז נאָר אַ דערקלערונג. און אויב דו ווילסט מער — גיי און לערן!״

דעם ניט־ייִד איז זייער געפֿעלן געוואָרן דער קורצער ענטפֿער. ער איז געוואָרן אַ ייִד און ער האָט געלערנט די גאַנצע ייִדישע תּורה.

תּורה	הלל	אין כּעס	די דערקלערונג

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער ניט־ייִד געזאָגט שמאַין?
2. וואָס האָט שמאַי געענטפֿערט?
3. וואָס האָט דער ניט־ייִד געזאָגט הללן?
4. וואָס האָט הלל געענטפֿערט?
5. וואָס האָט דער ניט־ייִד געטאָן?

דער לויתן און דער פוקס

דער קיניג פֿון די פֿיש, דער לויתן, האָט זיך דערוואוסט אַז אויף דער ערד איז דאָ אַ באַשעפֿעניש וואָס איז קליגער פֿון אַלע אַנדערע חיות. דאָס איז דער פוקס. האָט דער לויתן געוואָלט ווערן אַזוי קלוג ווי דער פוקס.

דער לויתן האָט געמיינט אַז די גאַנצע חכמה איז אין דעם האַרץ פֿון אַ באַשעפֿעניש. האָט דער לויתן געטראַכט: ווען איך וועל אויפֿעסן דאָס האַרץ פֿון דעם פוקס, וועל איך ווערן נאָך קליגער פֿון דעם פוקס. צו מײַן גאַנצער חכמה וועט צוקומען די חכמה פֿון דעם פוקס.

האָט ער געשיקט פֿיר גרויסע פֿיש, זיי זאָלן כאַפּן דעם פוקס און אים ברענגען צו אים. זײַנען די פֿיר פֿיש געשוואו־מען און געשוואומען, ביז זיי האָבן דערזען דעם פוקס בײַם ברעג ים. האָבן די פֿיש געזאָגט צו דעם פוקס:

— „אונדזער קיניג, דער לויתן, איז אַלט. ער האַלט בײַם שטאַרבן. האָט ער געהערט אַז דו ביסט די קליגסטע חיה אויף דער וועלט. האָט ער געזאָגט: — 'זאָל דער פוקס זײַן אײַער קיניג. אין מיטן ים איז דאָ אַ גרויסער פֿעלדז. ברענגט דעם פוקס צום פֿעלדז אין מיטן ים און קרוינט אים דאָרטן פֿאַרן קיניג פֿון אַלע פֿיש'."

— „גוט," — האָט געזאָגט דער פוקס, — „איך וועל זײַן אײַער קיניג. אָבער ווי קען איך קומען צום פֿעלדז אין מיטן ים? איך קען דאָך ניט שווימען."

האָבן די פֿיש געזאָגט: — „מיר זײַנען פֿיר. שטעל אַ פֿוס אויף יעדן פֿיש באַזונדער. מיר וועלן שווימען אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון וואַסער און מיר וועלן דיך ברענגען צום פֿעלדז אין מיטן ים. דאָרטן וועלן אַלע פֿיש דיך קרוינען פֿאַר זייער קיניג."

דער פוקס האָט זיי געגלייבט. די פֿיש זײַנען צוגעשוואו־מען גאָר נאָענט צום ברעג. דער פוקס האָט זיך געשטעלט

אויף די פיש און די פיש האָבן אים געזאָלט ברענגען צום פעלדז.

מען איז געווען שוין ווײַט אין ים. האָבן די פיש געזאָגט:

— „אומזיסט זאָגט מען, אַז דו ביסט אַזוי קלוג. מיר זײַנען קליגער פון דיר. מיר האָבן דיך אָפּגענאַרט. אונדזער קיניג, דער לויתן, וויל אויפעסן דײַן האַרץ. דערפאַר האָט ער אונדז געהייסן דיך ברענגען צו אים."

— „פאַרוואָס האָט איר דאָס מיר פריִער ניט געזאָגט?"

— האָט דער פוקס געפרעגט, — „איך האָב דאָך נישט מײַן האַרץ מיט זיך!"

— „וואָס הייסט דו האָסט ניט דײַן האַרץ מיט זיך?!"

— „מיר פוקסן נעמען ניט מיט דאָס האַרץ מיט זיך ווען מיר לויפן אַרום. מיר באַהאַלטן דאָס האַרץ, כּדי מיר זאָלן עס נישט פאַרלירן. איצט, ווען איר וועט מיך ברענגען אָן אַ האַרץ צום לויתן, וועט אײַער קיניג זײַן אין כּעס אויף אײַך און וועט אײַך באַשטראָפן."

— „וואָס זאָלן מיר טאָן?" — האָבן די פיש געפרעגט.

— „ברענגט מיך צוריק צום ברעג, וועל איך נעמען דאָס האַרץ מײַנס פון באַהעלטעניש און מיט פרייד ברענגען עס אײַער קיניג ווי אַ מתּנה. ער וועט מיך באַלוינען און ער וועט אײַך אויך באַלוינען."

די פיש האָבן געטאָן ווי דער פוקס האָט זיי געזאָגט און — דאָס האַרץ פון פוקס איז נאָך אַלץ בײַם פוקס.

באַשעפעניש	חכמה	ים	באַהעלטעניש	מתּנה

פ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס האָט דער לויתן געוואָלט אויפעסן דאָס האַרץ פון פוקס?
2. ווי אַזוי האָבן די פיש אָפּגענאַרט דעם פוקס?
3. ווי אַזוי האָט דער פוקס אָפּגענאַרט די פיש?

דרײַ קלוגע עצות

א מאַן איז אַרומגעגאַנגען אין זײַן גאָרטן. האָט ער געזען ווי אַ פֿייגעלע האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ. האָט ער באַפֿרײַט דאָס פֿייגעלע פֿון נעץ און גענומען עס אין האַנט אַרײַן. האָט דאָס פֿייגעלע גערעדט צו אים מיט אַ מענטשלעכן קול:

— „לאָז מיך אָפּ. דו דאַרפֿסט דאָך מיך נישט. איך בין ניט שיין; איך קען ניט זינגען און צום עסן טויג איך אויך ניט. אויב דו וועסט מיך באַפֿרײַען, וועל איך דיר געבן דרײַ גוטע עצות."

האָט דער מענטש געזאָגט: — „גוט. גיב מיר די עצות."

האָט דאָס פֿייגעלע געזאָגט:

— „מײַן ערשטע עצה איז: זאָרג ניט וועגן דעם וואָס איז שוין פֿאַרבײַ. מײַן צווייטע עצה איז: וויל ניט דאָס וואָס דו קענסט ניט קריגן. מײַן דריטע עצה איז: גלייב ניט אין דעם וואָס קען ניט זײַן."

דעם מאַן זײַנען געפֿעלן געוואָרן די עצות און ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס פֿייגעלע. האָט דאָס פֿייגעלע זיך צעלאַכט ווי אַ מענטש.

— „וואָס לאַכסטו?" — האָט דער מענטש געפֿרעגט.

און דאָס פֿייגעלע האָט געענטפֿערט: — „איך לאַך פֿון דיר, ווײַל איך האָב דיך אָפּגענאַרט. אינעווייניק אין זיך האָב איך אַ דימענט וואָס איז גרויס ווי אַן איי."

האָט דער מענטש געזאָגט:

— „פֿייגעלע טײַערס, קום צו מיר צוריק. איך וועל דיר געבן קערנדלעך צו עסן און וואַסער צו טרינקען. דו וועסט דאָך באַלד אויסגיין פֿון הונגער און פֿון קעלט, ווען דער קאַלטער ווינטער וועט קומען."

האָט דאָס פֿייגעלע נאָך מער געלאַכט און געזאָגט:

— „דו האָסט שוין פֿאַרגעסן אַלע דרײַ עצות. מײַן ערשטע עצה איז געווען: זאָרג זיך ניט וועגן דעם וואָס איז שוין פֿאַרבײַ. און דיך פֿאַרדריסט וואָס דו האָסט מיך אָפּגעלאָזן. מײַן צווייטע עצה איז געווען: וויל ניט וואָס דו קענסט ניט קריגן, און דו ווילסט מיך איצט קריגן צוריק. מײַן דריטע עצה איז געווען: גלייב ניט אין דעם וואָס קען ניט זײַן. און דו גלייבסט שוין מײַנע רייד וועגן אַ דימענט אין מיר וואָס איז גרויס ווי אַן איי."

דאָס פֿייגעלע איז אַוועקגעפֿלויגן.

עצה	עצות	זיך זאָרגן	עס פֿאַרדריסט מיך

פֿראַגעס:

1. זײַנען די דרײַ עצות טאַקע קלוגע עצות?
2. וועלכע עצה איז די קליגסטע?
3. פֿאַרוואָס האָט דער מענטש אָפּגעלאָזט דאָס פֿייגעלע?
4. ווי האָט דער מענטש געוואָלט קריגן דאָס פֿייגעלע צוריק?
5. האָט דער מענטש געפֿאָלגט די קלוגע עצות פֿון דעם פֿייגעלע?

דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע

1

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגעלע, האָט ער געהאַט אַ רינגעלע. שפּילט ער זיך אַזוי איין מאָל אין גאַס. גליטשט זיך בײַ אים אַראָפּ דאָס רינגעלע פֿון פֿינגערל און נעמט זיך קײַקלען און קײַקלען, ביז עס איז ניט געוואָרן.

ווייס ניט דאָס ייִנגעלע, וואו ס'איז אַהינגעקומען זײַן רינגעלע. זוכט ער אַהין, אַהער — ניטאָ דאָס רינגעלע!

גייט פֿאַרבײַ אַ ציגײַינערקע. זעט זי, דאָס ייִנגעלע זוכט עפּעס, פֿרעגט זי בײַ אים:

— „וואָס זוכסטו, ייִנגעלע?"

ענטפֿערט דאָס ייִנגעלע:

— „איך זוך מײַן רינגעלע."

זאָגט צו אים די ציגײַינערקע:

— „קום, ייִנגעלע, איך וועל דיר ווײַזן, וואו דײַן רינגעלע איז."

מיינט דאָס ייִנגעלע, אַז די ציגײַינערקע וויים פֿון זײַן רינגעלע, נעמט ער מיט איר גיין. גייען זיי אַזוי און גייען,



ביז דעם יִנגעלע האָבן גענומען די פֿיסלעך ווײ טאָן.
פֿרעגט דאָס יִנגעלע:

— „איז נאָך ווײַט צו מײַן רינגעלע?"

ענטפֿערט די ציגײַנערקע:

— „נאָך אַ ביסעלע, יִנגעלע, און מיר וועלן קומען צו דײַן רינגעלע."

2

זײַנען זײ אַזוי געגאַנגען, ביז זײ זײַנען געקומען אויף אַ פֿעלד. דאָרטן זײַנען געשטאַנען בוידן מיט אַ סך ציגײַנער און ציגײַנערקעס און ציגײַנערלעך.

האָט די ציגײַנערקע צוגעפֿירט דאָס יִנגעלע פֿונעם רינגעלע צו די ציגײַנער מיט די ציגײַנערקעס און זײ האָבן אַלע גענומען ריידן צווישן זיך אויף זייער לשון, אויף ציגײַנער־לשון. דאָס יִנגעלע פֿונעם רינגעלע האָט גאָרנישט ניט פֿאַר־שטאַנען.

רופֿט זיך אָן דאָס יִנגעלע צו דער ציגײַנערקע:

— „נו, וואו איז מײַן רינגעלע?"

ענטפֿערט די ציגײַנערקע:

— „אויף וואָס דאַרפֿסטו דײַן רינגעלע? דו בלײַב בע־סער דאָ, יִנגעלע."

זאָגט דאָס יִנגעלע:

— „גיב מיר מײַן רינגעלע, און איך וועל גיין אַהיים."

זאָגט די ציגײַנערקע:

— „ניין, אַהיים וועסטו ניט גיין. דו וועסט דאָ בלײַבן מיט אונדז און ווערן אַזאַ ציגײַנער ווי מיר."

האָט דאָס יִנגעלע גענומען וויינען און בעטן זיך:

— „ניין, איך וויל ניט זײַן קיין ציגײַנער. איך וויל גיין אַהיים צו מײַן טאַטן, צו מײַן מאַמען."

האָבן די ציגײַנער אים אויסגעלאַכט. זײ האָבן אים

אַרײַנגעוואָרפֿן אין בויד און אים געהייסן זײַן שטיל. אויב ניט — וועלן זיי אים שלאָגן.
ליגט דאָס ייִנגעלע פֿונעם רינגעלע אין דער בויד און טראַכט, וואָס וועט דאָ ווערן מיט אים: ווי אַזוי וועט ער קו־מען אַהיים צו טאַטע־מאַמען?
און אין רינגעלע האָט דאָס ייִנגעלע אין גאַנצן פֿאַר־געסן. ער איז געלעגן שטיל ווי אַ קאַטינקע, ביז עס איז גע־וואָרן נאַכט.
אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָבן די ציגײַנער פֿונאַנדער־געלייגט גרויסע פֿײַערן און גענומען שפּילן און טאַנצן און זינגען אויף ציגײַנער־לשון.
אַז דאָס ייִנגעלע פֿונעם רינגעלע האָט דערהערט ווי די ציגײַנער זינגען און טאַנצן אַרום די פֿײַערן, האָט זיך אים אויך פֿאַרוואָלט זינגען און שפּרינגען מיט זיי צוזאַמען.
איז דאָס ייִנגעלע אַרויס פֿון בויד און גענומען טאַנצן מיט די ציגײַנער און זינגען זייערע לידער. און די ציגײַנער זײַנען געווען אַזוי פֿריילעך, אַז זיי האָבן אים גאָרנישט באַמערקט. און זיי האָבן אַזוי לאַנג געטאַנצט, ביז זיי האָבן זיך אײַנגע־מאַטערט און זײַנען אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און אײַנ־געשלאָפֿן. און דאָס ייִנגעלע פֿונעם רינגעלע איז אויך אײַנ־געשלאָפֿן.

3

שלאָפֿט אַזוי דאָס ייִנגעלע פֿונעם רינגעלע. מיט אַ מאָל דערפֿילט ער עפּעס אין האַנט. טאַפּט ער דאָס און טאַפּט און טאַפּט: אַהאַ, זײַן רינגעלע! ווילט זיך אים ניט גלייבן, כאַפּט ער זיך אויף און גיט אַ קוק: טאַקע זײַן רינגעלע!
וואונדערט ער זיך: ווי אַזוי קומט צו אים זײַן רינגע־לע? נעמט דאָס רינגעלעריידן צו אים, ווי אַ מענטש רעדט:
— „ייִנגעלע, ייִנגעלע!



איך בין דײַן רינגעלע!"

און דאָס רינגעלע דערציילט דעם יינגעלע, אַז בעת די ציגײַנערקע האָט צוגעגנבֿעט דאָס יינגעלע, איז פֿאַרבײַגע־גאַנגען אַ ציגײַנער און האָט צוגעגנבֿעט דאָס רינגעלע און אַזוי איז דאָס רינגעלע געקומען צו דעם זעלבן אָרט, וואו דאָס יינגעלע.

— „איך האָב געזען, יינגעלע" — האָט געזאָגט דאָס רינגעלע, — „ווי דו ביסט געלעגן אין בויד. איך בין געלעגן בײַם ציגײַנער אין קעשענע און ווען דו ביסט אַרויס פֿון בויד טאַנצן, בין איך אויך אַרויס פֿון קעשענע און האָב אויך גע־טאַנצט און געדרייט זיך גלײַך מיט דיר, נאָר דו האָסט מיך ניט געזען. ווען אַלע זײַנען אײַנגעשלאָפֿן און דו אויך, בין איך צו דיר געקומען און האָב דיך אויפֿגעוועקט. קום מיט מיר, יינגעלע, אַהיים, טאַטע־מאַמע זײַנען דאָרטן אַליין."

זאָגט דאָס יינגעלע:

— „אָבער איך ווייס ניט ווי צו גיין אַהיים!"

זאָגט דאָס רינגעלע:

— „האָב ניט קיין מורא, איך וועל דיר ווײַזן. איך בין געוואָרן אַ צויבער־רינגעלע, און וואָס דו וועסט וועלן, וועסטו בײַ מיר קריגן. שנעל טו מיך אָן אויפֿן פֿינגער און מיר וועלן גיין."

האָט דאָס יינגעלע אָנגעטאָן דאָס רינגעלע, און ער האָט גענומען גיין.

האָבן דעם יינגעלע גענומען ווײ טאָן די פֿיסלעך, זאָגט ער צום רינגעלע:

— „איך קען מער ניט גיין צו פֿוס. גיב מיר אַ פֿערד און וואָגן, וואָס זאָלן מיך טראָגן."

איז געוואָרן אַ פֿערד און וואָגן, און דאָס יינגעלע האָט זיך אַרײַנגעזעצט און איז אין אַ רגע געקומען אַהיים.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערפֿרייט, ווען זיי האָבן דערזען דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע . . . און דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע האָט זיי דערציילט, וואָס אים האָט זיך געטראָפֿן.

לשון	געגנבֿעט	מורא	בעת	רגע

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס איז דאָס יינגעלע געגאַנגען מיט דער ציגײַנערקע?
2. צו וואָס האָט די ציגײַנערקע אַוועקגעפֿירט דאָס יינגעלע?
3. וואָס האָבן די ציגײַנער אים געזאָגט?
4. וואָס האָבן די ציגײַנער געטאָן ווען עס איז געוואָרן נאַכט?
5. וואָס האָט דאָס יינגעלע פֿון רינגעלע געטאָן?
6. ווי אַזוי האָט דאָס יינגעלע געפֿונען זײַן רינגעלע?
7. ווי אַזוי האָט דאָס רינגעלע געפֿונען דאָס יינגעלע?
8. וואָס איז דאָס רינגעלע געוואָרן?
9. ווי אַזוי איז דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע געקומען אַהיים?
10. קענט איר צוטראַכטן נעמען פֿאַר די דרײַ טיילן פֿון דער מעשה?

אינהאַלט:

זייט

צום נײַעם לערניאָר („פֿרייד״); מוזיק: מיכל געלבאַרט — 4
אַרעלע קען אַלץ — 5
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע — פֿאָלקסליד (מוזיק: פֿאָלקס־ניגון) — 6
ניט צעקריגט זיך („לעבעדיקע קלאַנגען״ — ש. באַסטאָמסקי) — 6
לשנה טובֿה תּכּתבֿו (פֿון שׂרה פֿישערס: „ימים טובֿים״) — 8
לשנה טובֿה — 8
אַ גוט יאָר (פֿון שׂרה פֿישערס: „ימים טובֿים) — 9
ייִדן (לויט י. קאַצענעלסאָן) — 9
גוטע מענטשן (אַגדה) — 10
איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע — א. טאַבאַטשניק — 11
פֿאַר יום־כּיפּור (אַגדה) — 12
איך פֿאַסט (פֿון העברעיִש) — 13
אַ סוכּהלע — מ. ריוועסמאַן; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — 14
איך העלף בויען אַ סוכּה — 15
אַ סוכּות־ליד — עליזה גרינבלאַט — 16
שׂמחת־תּורה — בערל סיגאַל; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — 17
ניט איך! ניט איך! (פֿון העברעאיש) — 18
קומט דער ליבער זומער — פֿאָלקסליד; (מוזיק: פֿאָלקס־ניגון) — 19
דער פֿוקס און די פֿיש (אַגדה) — 20
פֿאַרן שפּיגל — 20
די וועווערקע און דער וואָלף — ל. טאָלסטאָי — 21
דאָס שיפֿעלע — ה. ד. נאָמבערג; (מזיק: פֿאָלקס־ניגון) — 22
קאָלומבוס און די ייִדן — 24
דאָס קלוגע מיידעלע (אַגדה) — 25
אָונטבערויט („איך לייען״ — ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן) — 27
באָבע, דערצייל מיר אַ מעשׂה — י. מ. — 28
באָבעניו (פֿון פּעדאַגאָגישן בולעטען) — 29
זיידעניו — ה. רויזנבלאַט — 30
געוועזן פֿאַרנומען („איך לייען״ — ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן) — 30
אַ ייִדיש מיידעלע — עליזה גרינבלאַט; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — 31
פּערעלע מיט די באַלאָנען — 32

זייט

אַ וויגליד — י. גויכבערג: (מוזיק: פֿאָלקס־ניגון) 33
איצט און שפּעטער — לאה קאַפּילאָוויטש 35
וואו זשע בין איך? („דער שול־חבֿר" — ל. ה. יפה) 36
אַליין אָן דער לערערין („יידיש" — י. פּאַט און ח. ש. קאַזדאַן) 38
די פֿוילע טאָכטער — הירש מלמד 39
דער אוצר — שלום־עליכם 41
פּערעלע און מערעלע 42
רעטעניש 42
שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע — י. ל. פּרץ; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) 43
צוויי ברידער (פֿאָלקס־מעשׂה) 44
אַ טאָג אַזאַ — אײדע מאַזע 45
צום שלאָף — (פֿאָלקסליד) 45
בריוו — ליטמאַן 46
דער בריוו — („גרינינקע ביימעלעך") 50
אַ רעטעניש אין גראַמען — אַלף כּץ 50
פֿאַרוואָס קומט דער ת צום סוף פֿון אַלף־בית (פֿון העברעאיש) 51
די שרײַבערין — אײדע מאַזע 52
דער ייִנגל געדענקט (לויט אַ פֿאָלקס־מעשׂה) 53
אַ הויפֿן („גרינינקע ביימעלעך") 54
האָט איר געזען אַ מאַמע 54
צו דײַן געבורטסטאָג — א. גאָלדפֿאַדען; (מוזיק: א. גאָלדפֿאַדען) 55
מילך און ברויט — ב. סיגאַל 57
שלום עליכם — ש. בערנשטיין; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) 58
אַ מאַמע און זעקס זין (פֿון העברעאיש) 59
דער שבת קומט — מ. אַליצקי 60
שבת אין מדבר (אגדה) 61
כּערעלע און זײַן מוטער („גרינינקע ביימעלעך") 63
די מאַמע מיט די פֿינף זין — יהודה שטיינבאַרג 64
לייג איך מיר מײַן קעפּעלע; פֿאָלקסליד (מוזיק: פֿאָלקס־ניגון) 66
וואָס טוט דער טאַטע („גרינינקע ביימעלעך") 67
דער עפּל („לאָמיר לערנען" — מעקסיקע) 68
אַז די מאַמע איז ניט געזונט געוואָרן („לאָמיר לערנען" — מעקסיקע) 70
אַז מען איז הונגעריק איז אַלץ געשמאַק — לויט: ל. טאָלסטאָי 72
דער בעסטער מאַלצײַט (אגדה) 74
דער מאַמעס מעשׂה — ז. ווײַנפּער 75
איציקל וויל זײַן אַ גרויסער — ליטמאַן 76
אַ גוטע זיסע נאַכט — י. ל. פּרץ; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) 79
פֿאַרוואָס עסט מען אינדיק טענקסגיווינג — יודל מאַרק 80
אַ גוטער שכן איז אַ גרויס גליק (אגדה) 82
די זון און די לבנה (אגדה) 84
פֿאַרוואָס האָט דאָס שעפּעלע וואָל (אגדה) 85
פֿאַרוואָס האָט דער אייזל לאַנגע אויערן (אגדה) 86
אָדם האָט זיך אומזיסט געשראָקן (אגדה) 87
קין און הבל (אגדה) 89
אַ מעשׂה מיט צוויי ברידער — לעאָן עלבע 90

זייט

חנוכה־שפיל — ש. צעסלער; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — — — — — — 93
דריידעלע — — — — — — — — — — — — — — — — 94
אַ מעשה מיט אַ חנוכה־דריידל — לויט: לעאָן עלבע — — — — — — 95
דאָס דריידל — (פֿון העברעאיש) — — — — — — — — — — — 97
יהודה המכבי — — — — — — — — — — — — — — — — 99
דער עלדישער אלעזר (אַגדה) — — — — — — — — — — — 99
חנוכה־ליכט אין מאַידאַנעק — יעקבֿ פּאַט — — — — — — — — 101
אַ ייִדיש הויז — י. גויכבערג — — — — — — — — — — — 105
חנוכה און תל־אָבֿיבֿ — — — — — — — — — — — — — — 106
אַ מעשה מיט צווייַ ציגן (אַגדה) — — — — — — — — — — — 107
קען מען מאַכן אַלע זאָלן זייַן צופֿרידן (פֿאָלקס־מעשה) — — — — — — 108
לעמעך גייט עפּעס קויפֿן — לעאָן עלבע — — — — — — — — 110
ווי לעמעך האָט געפֿונען נאָך אַ לעמעך לעאָן עלבע — — — — — — 112
אַ פֿייגעלע — שלום־עליכם — — — — — — — — — — — 114
אַ מעשה מיט אַ חומש (פֿאָלקס־מעשה) — — — — — — — — — 116
וויל ניט צו פֿיל („גרינינקע ביימעלעך“) — — — — — — — — 119
שניי, שניי — אפֿרים אויערבאַך — — — — — — — — — — 120
שניי־טייַבעלעך — י. ל. קוויטקאָ — — — — — — — — — — 122
מע טאָר ניט צעטרעטן דעם שניי (פֿאָלקס־מעשה) — — — — — — — 123
פֿאַרשעם ניט דייַן חבֿר — — — — — — — — — — — — — 124
דער האָלצהעקער און די וואַבע; (לייענביכער פֿאַר דער ייִדישער שול —
י. שטיינבוים) — — — — — — — — — — — — — — — 126
די גוטע רבֿקה (אַגדה) — — — — — — — — — — — — — 128
אַבֿרהם רייזען און דער פֿאַרקויפֿער פֿון צייַטונגען — יאָסל מלאָטעק — — 129
דאָס רעדט דער טאַטע — — — — — — — — — — — — — 130
דער ווילן צום לערנען (אַגדה) — — — — — — — — — — — 131
דער דימענט (אַגדה) — — — — — — — — — — — — — 133
די מענטשן פֿון סדום (אַגדה) — — — — — — — — — — — 134
דאָס גאָלדענע קריגעלע (לויט אַ פֿאָלקס־מעשה) — — — — — — — — 135
דאָס ווייַסע ציגעלע אונטערן קינדס וויגעלע (לויט יעקבֿ פֿיכמאַן —
יודל מאַרק) — — — — — — — — — — — — — — — — 138
דער קליינער לינקאָלן (לויט „הספר החדש“) — — — — — — — — 142
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — — — — — — — — — — — — — 144
חמשה עשר בשבֿט (פֿון פּעדאַגאָגישען בולעטען) — — — — — — — 146
געשלאָפֿן זיבעציק יאָר (אַגדה) — — — — — — — — — — — 147
אַ פֿייגעלעך, בלייַבט אויף אַ רגעלע שטיין — א. בראַמבערג; (מוזיק:
מיכל געלבאַרט) — — — — — — — — — — — — — — 149
דער טייטלבוים (לויט: יהודה שטיינבערג) — — — — — — — — — 150
שבת — מ. בראָדערזאָן; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — — — — — — — 153
די קו וואָס רוט שבת (אַגדה) — — — — — — — — — — — 154
אין דער שטילער שבת שעה א. מאַגיסטעטער — — — — — — — — 155
חנהלעס שבת־קליידל — לויט י. שווייגער — — — — — — — — 155
דער שבת איז נאָר פֿאַר פֿרייע מענטשן (אַגדה) — — — — — — — 158
הייַנט איז פּורים — פֿאָלקסליד — (מוזיק: פֿאָלקס־ניגון) — — — — — 160
די מעשה פֿון פּורים (איבערדערציילט פֿון ח. באַרקאָן) — — — — — — 161

הײַנט איז פּורים (פֿאָלקסליד) — — — — — — — — — — — — — — —	164
אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן — י. קאַמינסקי; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — — —	165
צוליבֿ די קינדער (אַגדה) — — — — — — — — — — — — — —	166
דער פּאַסטעך משה (אַגדה) — — — — — — — — — — — — — —	168
פֿאַרוואָס האָט משה געשטאַמלט (אַגדה) — — — — — — — — — —	169
פֿרילינג — י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — — — — — — —	171
העלע פֿרימאָרגנס — נחום יוד — — — — — — — — — — — —	171
פֿאַרוואָס וואַקסן רויזן אויף אַ דאָרן־ביימל (לויט בן־ציון) — — — — —	172
פֿרילינג אין שטאָט — נחום יוד — — — — — — — — — — — —	174
הוידע — מ. שיפֿרים; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — — — — — — — —	175
אליהו הנבֿיאס כּוס — נחום יוד — — — — — — — — — — — —	176
אַ גאַסט אויף פּסח (פֿאָלקס־מעשׂה) — — — — — — — — — — — —	177
הײַנט טאָר מען ניט לאַכן — אײדע מאַזע — — — — — — — — — —	179
דער גוטער שכן (פֿאָלקס־מעשׂה) — — — — — — — — — — — —	180
דער קליינער העלד (לויט „הספר החדש") — — — — — — — — — —	182
פּרץ און ייִדישע קינדער — — — — — — — — — — — — — — —	183
ל"ג־בעומר־פֿײַל; (לויט לעאָן עלבע) — — — — — — — — — — —	185
טיטאָ און פּיטאָ — ש. וואַסערמאַן — — — — — — — — — — — —	189
מיט מענטשן אָדער אָן מענטשן („פֿרייד") — — — — — — — — — —	190
יושר פֿאַר אַרבעטער (אַגדה) — — — — — — — — — — — — — —	191
אַ פּאָר קליינע שיכלעך — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — — — — — — — —	193
דער אַלטער שנײַדער דאָדל — א. אויערבאַך; מוזיק: מיכל געלבאַרט) —	194
מע רוקט דעם זייגער — ליטמאַן — — — — — — — — — — — —	196
שלום־עליכם און אַ שוואַרצער ייִנגל — — — — — — — — — — —	200
קינדערלעך שפּילן זיך — נחום יוד — — — — — — — — — — — —	201
מוטערסטאָג — ל. מלאך — — — — — — — — — — — — — — —	203
מוטערסטאָג (לויט ליטמאַן) — — — — — — — — — — — — — —	204
אַ וויגליד — דוד אײנהאָרן; (מוזיק: פֿאָלקס־ניגון) — — — — — — —	207
שבֿועות — מ. ריוועסמאַן; (מוזיק: מיכל געלבאַרט) — — — — — — —	208
דאָס צענטע געבאָט (פֿון העבֿרעאיש) — — — — — — — — — — —	209
די גאַנצע תּורה אויף איין פֿוס (אַגדה) — — — — — — — — — — —	210
דער לויתן און דער פֿוקס (אַגדה) — — — — — — — — — — — —	212
דרײַ קלוגע עצות (פֿאָלקס־מעשׂה) — — — — — — — — — — — —	214
דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע — לעאָן עלבע — — — — — — — — —	216